אַהרן צייטלין (1898 - 1973)

# דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן

אָדער

## מעשׂה-בראשית

אַ גראָטעסקשפּיל אין 4 אַקטן

(איבערגעשריבן פֿונעם זאַמלבוך „אַמאָל אין אַ יובֿל, וואַרשע 1931, ז"ז 3–86)

## עס שפּילן

דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן
לוסי דזשייקאָבסאָן זײַן װײַב
אַ מלאך סנסיני
נחש
װאַסערהאַר
אַלטער װאַסערגײַסט
אָדם פֿון לוסיס ריפּ געשאַפֿן
מאַטראָס
אַרבעטער
שלימאַזעלאַנוס, אַ דיכטער אין שמאַטעס
זונה
קאַפּיטאַן
פּילאָט
גענעראַל
ערשטער קריגס-פֿאַבריקאַנט
צװייטער קריגס-פֿאַבריקאַנט
רוקאַװישניקאָװ, אַ סאָװיעטישער דיפּלאָמאַט
המון
װאַסערגײַסטער
אַ קינד
קאַפּעליע פֿון אונטער-כּרובֿים
14 מאַריאָנעטקעס
סנדלפֿון, אַ קול הינטער דער סצענע

אַלע רעכט פֿון אױפֿפֿירן און איבערזעצן געהערן דעם מחבר.
Copyright by Jacob Mestel, New-York

# ערשטער אַקט

*צווישנדעק פֿון אַ שיף. שטיגן צום דעק אַרויף. נאַכט. פּאַסאַזשירן – אין האַלבן דרימל – וויגן זיך אויף פּעק באַגאַזש. סיגנאַלן, ים-געֿרויש. פֿון אויבן טראָגט זיך טאַנצמוזיק. פֿון די שטיגן לאָזט זיך אַרונטער אַ* **מאַטראָס.**

**מאַטראָס.** אַז מ׳גייט אַרונטער – איז ווי אין אַ קעלער. אָט אויבן איז אַ לעבן ! פֿײַנע נקבֿות, רײַכע הערן ! טרינקט מען, רייכערט מען, טאַנצט מען! אין די קאַבינעס קושט מען זיך, מ׳ליובעט זיך, מ׳גלעט זיך – און דאָ, צום געזאַלצענעם ים--טײַוול, אַ הקדש ! אַ געשטאַנק ! *שרײַט* שלעפּערס, צווישנדעקני-קעס, שיפּמײַז ! ווּהין פֿאָרט מען דאָס ? מיינט איר, אַז מ׳וואַרט אויף אײַך ?

**אַרבעטער.** *שטעלט זיך אויף, בײַלט אַ פֿויסט* דעם פּיסק, מאַטראָסן-יונג !

**מאַטראָס.** אַז נישט ?

**אַרבעטער.** ס׳האָט דיך עמעצער אָנגעטרונקען ? *טײַטלט אַרויפֿצו.*

**מאַטראָס.** אַז אָנגעטרונקען ? שלעפּערס ! אַבי נישט געפּגרט ים-וואַסער ! שאַמפּאַניער ! הע, הע ! געזעסן איינער מיט אַ נקבֿקע אַזאַ אויף די קני, שאַמפּאַניער געזשליאָקעט, מיר אויך אביסעלע – צום פֿאַר-שאָלטענעם ים-טײַוול ! *אָפּ.*

**אַרבעטער.** אָט אַזוי ! אונטן ווערט געפֿוילט, אויבן ווערט געהוליעט ! זאָל אַ שטורעם קומען – איבערקערן – אויסקערן – אַרײַנטרייסעלן דאָס אַלץ אין ים, ווי ברעקלעך פֿון טישטעך אַראָפּ. – *הערט זיך אײַן אין דער מוזיק* קרעציקע ! טאַנצן זאָל אײַך דער הונגער אין בויך !

**שלימאַזעלאַנוס.** *אַ מענטש אין שמאַטעס ; גייט צו, רירט אָן דעם אַרבעטער בײַם אַקסל* קאַלט, אַ ? נאַכט אויפֿן ים.

**אַרבעטער.** איין שיף פֿירט אונדז און זיי... אונטן – מיר ! זיי, די פֿרעסערס – אויבן.

**שלימאַזעלאַנוס.** ווּהין פֿאָרט אַ מענטש ?

**אַרבעטער.** הונגער קומט, שלאָגט די שויבן אויס, וואַרפֿט פֿון שטוב אַרויס, פֿון ווײַבס בעט אַרויס, שנעלט דיך אויפֿן ים אַרויס – פֿאָר ! און דו ?

**שלימאַזעלאַנוס.** דער לעצטער פּאָעט אויף דער ערד. אַז ערד שטויסט אַרויס – ווערט מען ים-וואַגאַבונד. מײַנע לידער דאַרף קיינער נישט. נישט זיי דאָרט אויבן, נישט איר דאָ אונטן. ברויט דאַרפֿן אָרעמע – לידער זעטיקן נישט. בלוט און ווײַבער דאַרפֿן די פֿרעסערס. בין איך מיט די אָרעמע, כאָטש זיי דאַרפֿן מיך נישט, ווי די רײַכע. ווײַל דער אָרעמסטער בין איך. אַ הונט בין איך. ביל איך צו דער לבֿנה.

**אַרבעטער.** גיב אַ יד, אָפּגעריסענער. אונדזער סגאַל.

**שלימאַזעלאַנוס.** *שלאָגט צו.*

**אַרבעטער.** ווי דאָס טאַנצט ! פֿאַר וואָס שלינגט זיי דער ים נישט איַין ?

**שלימאַזעלאַנוס.** *ביטער, צום נאַכטיקן ים אַרויס* ים, ים, דאַרפֿסט אפֿשר מיַין גראַם ? *מיַין* אַסאָנאַנס ? אויף דער ערד בין איך דער לעצטער דיכטער. אונטן דאַרף מען ברויט, אויבן – גאָלד און פֿרויענפֿלייש. און פֿינצטער איז, און ס'פֿאָרט די שיף. זאָל איך מיך נאַריש מאַכן און פֿרעגן ווּהין ? איך, קליינער ווערטער-האַמלעט... *שטילקייט.*

**זונה.** *גייט צו צו די צוויי* מיר איז טרויעריק, מענטשן.

**אַרבעטער.** וואָס ציטערסטו, הויט-און-ביין ?

**שלימאַזעלאַנוס.** *באַטראַכט זי* מיט ביליקן בראָנפֿן טוט דופֿטן דיַין ביליק ליַיב. בראָנפֿנדופֿט, אומגליקדופֿט. דיַינע האָר – ווי טונקעלע, פֿאַרפֿלאָנטערטע, געניאַלע, קיינעם נישט נויטיקע לידער. און דיַינע שיך – *קוקט אַראָפּ ; מיט קאָמישן ערנסט* צו וואָס זאָל איך פֿאַרגליַיכן די שיך ? *באַמערקט* אויף דיַין לינקן שוך ברענט אַ רויטס, אַ זודיקס – וואָס איז עס ?

**אַרבעטער.** אַ מענטש געהרגעט ?

**זונה.** לונגענבלוט. גענומען, מענטשן, אין פֿלעשעלע אַריַינשפּיַיען – האָט זיך אַ ביסל פֿאַרגאָסן. אויפֿן שוך אַראָפּגעקאַפּעט –

**שלימאַזעלאַנוס.** דאָס בלוט פֿון די אָרעמע איז שרעקלעך רויט.

**אַרבעטער.** דו אויך אַן עמיגראַנטקע ?

**זונה.** נישט גוט אין אַ וויַיט לאַנד אַריַין זיך צו שלעפּן אויף דער עלטער. מ'זאָגט, אין לאַנד, ווּ איך פֿאָר, זענען שאַנדהיַיזער דאָ, מ'דאַרף נאָך זונות. וואָרן ביַי אונדז, מענטשן, האָבן שוין אַלע זונות פֿון הונגער קראַפּירט –

**שלימאַזעלאַנוס.** *נייגט זיך* דער לעצטער פּאָעט באַגריסט די לעצטע זונה און קושט איר האַנט.

**זונה.** *גערירט* אַ דאַנק, ליביניקער.

**אַרבעטער.** איך פֿאַרשטיי. די וויַיבער דאָרט אויבן מאַכן דאָס אומזיסט. דאַרף מען איַיך נישט מער.

**זונה.** אַזוי איז. זיי מאַכן דאָס אין גאַנצן אומזיסט, די וויַיבער זייערע. און אויך די טעכטער זייערע. און מיר קאָנען דאָס אַזוי נישט מאַכן. מיר מוזן דאָך לעבן דערפֿון.

**אַרבעטער.** געוויס.

**שלימאַזעלאַנוס.** גיב, הייליק שוועסטערל, די האַנט. זי איז ביַי דיר בלוי. פֿון קעלט ? פֿון נאָענטן טויט ? ווילסט, וועל איך אַנוואַרעמען – *נעמט איר האַנט אין זיַינער.*

**זונה.** *פֿאַרטרוילעך* ס'איז מיר אַ גרויס פֿאַרדראָס. רײַכע ווילן רײַך לײַב, פֿעטס, געכאָליעטס. מײַנס איז צו מאָגער פֿאַר זיי. און אָרעמע ווילן מײַן לײַב נישט – ס'איז זיי אַ רחמנות. נעמט נישט קיינער ס'לײַב מײַנס. *צום דיכטער* נעמסט מיך אפֿשר אין גאַנצן, נישט נאָר די האַנט ? וואָרן אַ גרויס פֿאַרדראָס איז מיר. טאָמער טויג שוין מײַן לײַב צו גאָרנישט ? וואָס זשע פֿאָר איך אַהין, אין יענעם לאַנד ? וועט מען כאָטש אין אַ שאַנדהויז ערגעץ אָננעמען אויף דער עלטער ? *פּויזע.*

**אַרבעטער.** אָט קריכט ערגעץ פֿון אַ פּעקל אַראָפּ אַ קינד – טויטן ווײַס – אין בלויזן העמדל – פֿיסלעך

קײַלעכדיקע – אַ בײַכל אַ ראַכיטישס – איר זעט ? ווי אין חלום –

**זונה.** איז עס נישט אַ מאָל מײַנס ? – כ'האָב מורא, מענטשן – דאָס נישט געבוירענע קינדעלע –

**שלימאַזעלאַנוס.** הענטלעך פֿינקלדיקע, בלײכע, ווי צוויַיגעלעך מיט שניי באַשאָטן – ווי ס'וואָלט צו דער לבֿנה זיך געצויגן – אייגעלעך צוגעשלאָסן – און די פֿיסלעך פלאָנטערן, פלאָנטערן – מאַמע שלאָפֿט, טאַטע שלאָפֿט – גייט עס, פֿאַלט, קריכט אַהערצוצו –

**זונה.** אַ פּחד, אַ פּחד.

**קינד.** *קומט צו נאָענט, בלײַבט שטיין, עפֿנט שמאָלע דערשראָקענע אייגעלעך, גלאָצט לונאַטיש, פֿינגערל אין מויל, רירט זיך נישט.*

**ארבעטער.** ווילסט עפּעס ?

**קינד.** *ענטפֿערט נישט.*

**שלימאַזעלאַנוס.** סטאַטועלע וויַס, נאַכט-סטאַטועלע, וואָס ווילסטו ?

**קינד.** *פֿלאַטערט אויף* שלאָפֿט טאַטע, שלאָפֿט מאַמע – איך נישט שלאָף – פֿײַער – פֿײַער –

**שלימאַזעלאַנוס.** אַזוי ? פֿײַער געזען ?

**קינד.** *צעוויינט זיך הויך און קורץ.*

**זונה.** אויף מײַן אָרעם קום – שאַ – איך דײַן מאַמע, קרוין, איך –

**קינד.** פֿײַער געקומען – פֿײַער מיך אָנגעקוקט – פֿײַער געזאָגט פֿאַרברענען טאַטע – פֿאַרברענען מאַמע – א צונג אויסגעשטעלט – געלאַכט – אַוועקגעגאַנגען – *ציטערט.*

**זונה.** *נעמט ס'קינד אויפֿן אָרעם* פֿײַער וועט שטיל זײַן ! וועט גאָרנישט טון ! אויף מײַנע הענט שלאָף אײַן ! מיר פֿאַר דײַנע אויגעלעך, מיר פֿאַר דײַן קעפּעלע. *וויגט עס* ליולינקע !

**קינד.** *שלאָפֿט האַסטיק אײַן ; הענגט אַרונטער פֿון זונהס אָרעם ווי אַ געשאָכטן עוף.*

**אַרבעטער.** כאַפּט עס דער רוח... פֿײַער גאָר !

**שלימאַזעלאַנוס.** זעסט ? ס'קומט שוין קינדער צו חלום –

**אַרבעטער.** וואָס ?

**שלימאַזעלאַנוס.** נו, ס'לעצטע פֿײַער – ס'איז שוין אין וועג –

**אַרבעטער.** מיינסט דאָך די סאָציאַלע רעוואָלוציע ?

**שלימאַזעלאַנוס.** כ'ווייס נישט – נאַכט איז, נאַכט – און אין דער נאַכט – פֿול טרויער, פֿול שרעק, פֿול אַנונג. מיר פֿיר, מיר פֿיר דו אַרבעטסמאַן, איך דיכטער, דאָס קינד און זי, די הור – אונדז פֿיר זאָגט ס'לעצטע פֿײַער זײַן אָנקום אָן –

**אַרבעטער.** פֿיר... און נאָך איינער –

**זונה.** מענטשן, איר וועקט מיר ס'קינד.

**שלימאַזעלאַנוס.** *צום אַרבעטער* אַ פֿינפֿטער ?

**אַרבעטער.** אויב כ׳האָב קיין טעות נישט. אַ ייִדליק איינער –

**שלימאַזעלאַנוס.** אַן אָרעמס ?

**אַרבעטער.** אַ מיליאָנער, זאָגט מען – מיסטער דזשייקאָבסאָן –

**שלימאַזעלאַנוס.** פֿון וואַנען קענסטו אים ? קומט אויפֿן צווישנדעק ?

**אַרבעטער.** קומט אַראָפּ אַ מאָל – שאָקלט מיטן פּליך – און צוריק אַרויף אויבן – צו די זײַניקע –

**שלימאַזעלאַנוס.** אַ פּאַסקודניאַק ? –

**אַרבעטער.** עפּעס יאָ און נישט. פּלאָנטערט זיך צווישן די קלאַסן – אַן ערשטקלאַסניק, און דרייט זיך, ווי ער וואָלט זײַן אי פֿון דער צווייטער קלאַס, אי פֿון דער דריטער, אי פֿון גאָר קיין קלאַס נישט –

**שלימאַזעלאַנוס.** מיינסטו, אַז אויך ער –

**אַרבעטער.** דער טײַוול ווייסט ! אַ, אָט האָסטו אים שוין ווידער ! *אויף די שטיגן, וואָס צום צווישנדעק אַראָפּ, ווײַזט זיך אַ הויכער סטולעוואַטער פּאַרשוין, יענקיש-ספּאָרטמאַניש אָנגעטון, גלאַט ראַזירט, מיט אַ ייִדיש-הויקערדיקער נאָז.*

**אַרבעטער.** *שרײַט אַרויף חוזקדיק* מיסטער ! איר דאַרפֿט עפּעס, מיסטער, איר זוכט עמעצן ? אויפֿן וואָל-סטריט אין ניו-יאָרק זוכט ! נישטאָ דאָ קיין דאָלאַרן – דאָ פֿאָרט די נויט !

**שלימאַזעלאַנוס.** *צום גראַם* דאָ פֿאָרט דער טויט – דרך-ארץ !

**זונה.** אפֿשר, מיסטער, אַ פּרויענצימער ? שפּאָט ביליק !

**דער מיסטער.** שאַט, וואָס האָט איר זיך צעשריִען ? *גייט אַרונטער פּאַמעלעך, מיטן ברענענדיקן ציגאַר אין מויל, בליצט מיט די סיגנעטן אויף די פֿינגער* וואָס איך זוך ? אַ מאָל האָב איך דאָלאַרן געזוכט – נו, האָב איך געפֿונען, בין איך געוואָרן דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן, מיליאָנער, קעניג פֿון הויזנקנעפּ ! יעס. דערנאָך האָב איך גענומען ווײַבער זוכן – נו, האָב איך געפֿונען, אָט דאָס מיסט פֿעלט אין ערגעץ נישט ! דערנאָך האָב איך מיר אַ ווײַב געזוכט, איר פֿאַרשטייט, אַ ווײַב – נו,האָב איך אַוודאי און אַוודאי געפֿונען ! יעס, אַ זינגערין פֿון דער מעטראָפּאָליטאַן-אָפּערע, טאַקע אַן אַמעריקאַנקע פֿון די נאָרדיקס – פֿאַר וואָס זאָל אַ מענטש, וואָס זײַן טאַטע, עליו-השלום, איז געווען קאַלמיש דער שמש פֿון קאָלאָמיי, זיך נישט לאָזן קאָסטן אויף איר ? זי איז עפּעס מחויבֿ אומזיסט צו זײַן דאָס ווײַב פֿון אַ דזשייקאָבסאָן ?

**אַרבעטער.** *מיט אומצוטרוי* פֿון אַ וואָרט א קוואָרט –

**שלימאַזעלאַנוס.** אַזוי. דזשייקאָבסאָן הייסט איר. מערקווירדיק ! איך קלער  וואָס וואָלט געווען ווען מ׳רופֿט אײַך אַנדערש ?

**דזשייקאָבסאָן.** נו, וואָס ?

**שלימאַזעלאַנוס.** אַ פּגם אין דער וועלט-האַרמאָניע ! עס פֿילט זיך, אַז איר מוזט אומבאַדינגט הייסן דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן.

**דזשייקאָבסאָן.** *גוטמוטיק* אַ דאַנק פֿאַרן שיינעם געדאַנק. *רעדט ווײַטער* הייסט עס, האָב איך שוין אַ ווײַב אויך אויסגעזוכט – קעגן דעם, וואָס איר זאָגט זוכן –

**זונה.** יאָ, אָבער איר זאָגט דאָך, אַז דאָס קאָסט אײַך צו פֿיל געלט – און בײַ מיר וואָלט עס אײַך

אויסגע-מאַכט שפּאָט ביליק – איך פֿאַרשטיי, אַז אײַער ווײַב גיט אַנדערע אין גאַנצן אומזיסט – איר אָבער זענט איר מאַן און דערפֿאַר קאָסט אײַך –

**אַרבעטער.** *גאַליק* אָ, איר ווייסט דאָך גאָרנישט, ווער די דאַמע איז ! דאָס, מיסטער דזשייקאָבסאָן, איז דאָך אונדזערס אַ חבֿרטע – אַ פֿרוי, וואָס איר לײַב איז צו גלײַך איר אַרבעט-וואַרשטאַט.

**דזשייקאָבסאָן.** *נייגט זיך* אַזוי ? זייער אַ באַקוועמע אײַנריכטונג. מײַן הויכאַכטונג.

**אַרבעטער.** שטעלט אײַך פֿאָר, מיסטער  קיין אַרבעטער עקספּלואַטירט זי נישט. אַלץ אייגענע האָרע-וואַניע. איז נישט איר מיסחר ערלעכער ווי אײַערער ?

**דזשייקאָבסאָן.** איך זאָג דען, אַז נישט ? יעדע באַשעפֿעניש האָט זיך איר ביזנעס און יעדע ביזנעס האָט זיך איר באַשעפֿעניש. *העפֿלעך צו דער זונה* קען מען וויסן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קינד בײַ אײַך ? איז עס בײַ אײַך אַזאַ פֿאַבריק-מאַרקע ? *פֿלוצלינג* יעס, ווּ האַלט איך ? איר האָט געפֿרעגט, וואָס איך זוך. ווייסט איר, וואָס איך זוך איצטער ? רעטונג.

**אַרבעטער.** רעטונג ? הע, הע ! *לאַכט.*

**שלימאַזעלאַנוס.** אַזאַ דזשייקאָבסאָן ווי איר ?

**דזשייקאָבסאָן.** איר ווייסט דען, וואָס דאָ גייט ? איך, דזשייקאָבסאָן, זון פֿון קאַלמיש אויס קאָלאָמיי, פֿריִער עמיגראַנט, שאָפּ-אַרבעטער, דלפֿן, האָלאָדריגע, איצט קעניג פֿון הויזנקנעפּ אין ניו-יאָרק, האָב אַ חוש.

**אַרבעטער.** וואָס שפּירט איר ? פֿאַרגאָסן אַרבעטער-בלוט ?

**שלימאַזעלאַנוס.** ווייסט איר, מיסטער ? עפּעס זענט איר אין גאַנצן אַ שטיק נאָז !

**דזשייקאָבסאָן.** *גוטמוטיק* נאָז ? יעס ! גוט געזאָגט, ווויל געזאָגט ! ייִד און נאָז איז כּמעט דאָס זעלבע. שפּיר איך – איר ווייסט, וואָס ? איך שפּיר עפּעס – ווי זאָל איך עס זאָגן – אַ וועלט-אונטערגאַנג.

**שלימאַזעלאַנוס.** דזשייקאָבסאָן, ווי קומט דאָס צו אײַך ?

**דזשייקאָבסאָן.** פֿאַר וואָס נישט ? ווען גאָט איז געגאַנגען די וועלט מאַכן – איז אפֿשר אַ ייִד נישט געווען דערבײַ ? האָט דען אונדזער אַ ייִד נישט געוווּסט, אַז ס'האַלט בײַ וועלטגעבורט ? *לאַכט* איצט, ווידער, שפּיר איך אונטערגאַנג. איך ווייס נישט, נאָר איך שפּיר עפּעס, ווי זאָגט מען דאָס, אַז די פֿירמע איז קאַפּוט. כ'האָב עס נעכטן אַ זאָג געטאָן מײַן גויקע. לוסי, – מאַך איך, – הײַנט-מאָרגן איז גאָטס אונטערנעמונג באַנקראָט. טאַקע הײַנט-מאָרגן הייבט זיך עס אָן. דזשייקאָבסאָן, – מאַכט זי, – אַז דו ביסט אַ משוגענער, און אַ ייִד דערצו, ווייס איך שוין נישט פֿון נעכטן.

**אַרבעטער.** נו, יאָ ! סאָציאַלע רעוואָלוציע. אונטערגאַנג פֿון קאַפּיטאַל. איר וועט אָפּגערוימט ווערן, איר אַלע !

**שלימאַזעלאַנוס.** דאָס פֿײַער, מיסטער דזשייקאָבסאָן, דעס לעצטע פֿײַער. ס'וועט רייניקן.

**דזשייקאָבסאָן.** נעוועך מײַנד ! ס'וועט פֿאַרניכטן. נישט סאָציאַלע רעוואָלוציע, נאָר, פּשוט, מענטש-אונטערגאַנג. אונטערגאַנג פֿון קאַפּיטאַל, פֿון אַרבעט, פֿונעם קינד, וואָס שלאָפֿט. *טײַטלט אויפֿן קינד, וואָס די זונה האַלט.*

**זונה.** *מיט אַ דערשראָקן קול* מיינט דער הער, אַז אויך די שאַנדהײַזער אין יענעם לאַנד, ווו איך פֿאָר, וועלן אונטערגיין ?

**דזשייקאָבסאָן.** די שפּיל קאָן אַ ליאַדע מינוט זיך אָנהייבן. דזשייקאָבסאָן זאָגט עס. אָ, מײַן נאָז נאַרט מיך נישט. גוד-בײַ ! *אָפּ.*

**אַרבעטער.** געפֿעלט דיר אַ פּאַרשוין ?

**שלימאַזעלאַנוס.** האָסטו דיר אַ דזשייקאָבסאָן ! אַ מענטש ? נישט קיין מענטש. ס׳איז אַ ייִד. ס׳איז אַ חלום. געזען ? אפֿילו די האָר פֿון זײַן קאָפּ ציילן די שעהן פֿון דער וועלט.

**זונה.** או, אַ רײַכער אַזאַ, אַ געלטיקער !

**אַרבעטער.** *בייז* איז דיר וואַרעם ?

**שלימאַזעלאַנוס.** *פֿאַרטראַכט* איז זי דען עפּעס, זײַן רײַכקייט ? שוין געזען אַ מאָל אַ רײַכן שאָטן ? *אין טונקל-באַלויכטענעם צווישנדעק וועקן זיך פּאַסאַזשירן. ביסלעכווײַז נעמט זיך טראָגן אַ מאָנאָטאָן געזאַנג ווי פֿון תּפֿיסהניקעס. זײַן אומגליק ברומט אויס מאָנאָטאָן דער אונטן – קיצלדיק און קעצלדיק פֿאַלט טאַנצמוזיק פֿון אויבן. אויבן און אונטן ראַנגלען זיך.*

*ראַפּטום ווערט אויבן שטיל. די טאַנצמוזיק האַקט אָפּ – דאָס געזאַנג אונטן שטאַרקט זיך אַ מינוט, ווי ס׳וואָלט באַזיגט דעם שונא, גייט אָבער אויס ווי דערשראָקן פֿאַרהערט אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך אויבן צעלייגט. אויף די שטיגן צום צווישנדעק ווײַזט זיך דער* **קאַפּיטאַן.** *בלײַבט שטיין אין מיטן די טרעפּ, רופֿט אין צווישנדעק מיט אַ שווערן באַסאָוון קול, וואָס דערלאַנגט אַ הורזשע ווי אַן אַלאַרם-גלאָק* **הערט, הערט, הערט !** *פּאַסאַזשירן שפּרינגען אויף, מהומה.*

**געשרייען.** ווו ? ווער ? *קינד אויף דער זונהס האַנט וועקט זיך און וויינט.*

**קאַפּיטאַן.** די שיף פֿאָרט צוריק !

**קולות.** שטורעמס אויפֿן ים ?

**קאַפּיטאַן.** ניין, איבער דער ערד !

**קולות.** איבער דער ערד ?

**קאַפּיטאַן.** מלחמה ! *שטילקייט.*

**קאַפּיטאַן.** לעצטע ראַדיאָגראַמען, ערשט דערהאַלטן ! מלחמה צווישן ראַטן-רוסלאַנד און ענגלאַנד ! וועלטקריג נומער צוויי ! שיפֿן קערן זיך אום ! אַלוועלטלעכע מאָביליזאַציע !

**פּילאָט.** *ווײַזט זיך אויבן אין פּילאָט-קליידונג* אָט דאָס וועט זײַן אַ לעבן ! אָט דאָס וועט זײַן אַ טויט ! מ׳וועט פֿליִען ! מ׳וועט טייטן ! הוראַ ! גיפֿטיקע גאַזן – הוראַ !

**גענעראַל.** *קומט אָן שנעל, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן* ענדלעך, ענדלעך ! פֿאָטערלאַנד רופֿט ! שלאַכטפֿעלדער רופֿן ! הוראַ ! גיפֿטיקע גאַזן – הוראַ !

**קריגס-פֿאַבריקאַנט.** *קורץ און קײַלעכדיק ; מאַכט מיט די הענט* מײַן פֿאַבריק פֿון גאַזמאַסקעס זאָל לעבן ! די געטלעכע גאַז-מלחמה זאָל לעבן ! די מלוכה, וואָס צאָלט מער, קריגט בעסערע סחורה ! הוראַ !

*טויטשטילקייט, קאָנסטערנאַציע אויפֿן צווישנדעק.*

**אַרבעטער.** *רופֿט זיך אָן דער ערשטער* ניין ! נישט גיין ! מיר וועלן נישט גיין !

**שלימאַזעלאַנוס.** *טרעט אַפּיר, שאָקלט מיט די שמאַטעס. האַלב אויפֿריכטיק האַלב פּאָזע* ווידער האָט איר אונטערגע-צונדן די ערד, פֿאַרברעכער ! איצט קומט איר די הערצער אונטערצינדן ? דאָס וועט ניט גיין ! די הערצער ברענען קעגן אײַך, נישט פֿאַר אײַך !

**קולות.** ניין, ניין, נישט גיין !

**אַרבעטער.** דאָס מאָל שוין נישט ! פֿאַרגעסט !

**קאַפּיטאַן.** מיר פֿירן די שיף, נישט איר !

**גענעראַל.** פֿאַררעטערס !

**פּילאָט.** אַי, וועט דאָס זײַן אַ לעבן ! אַי, וועט דאָס זײַן אַ טויט. מ׳וועט פֿליִען ! מ׳וועט טייטן ! *שרײַט אין צווישנדעק אַרײַן* ווער פֿון אײַך איז יונג ? ווער פֿון אײַך איז דרייסט ? ווער פֿון אײַך וויל פֿליִען ? ווער פֿון אײַך וויל טייטן ?

**קולות.** קיינער נישט.

**גענעראַל.** וועט איר מוזן !

**קריגס-פֿאַבריקאַנט.** בירגער, פּאַטריאָטן, שטיצט די מלחמה-אינדוסטריע.

צווייטער **קריגס-פֿאַבריקאַנט.** *רעקלאַמירט* נײַסטע געפֿערלעכע גיפֿט-און שטינק-שטראַלן ! מערקווירדיקע טײַוולאָנישע ערפֿינדונג ! טייטן ביליק און שנעל ! הורט-פֿאַרקויף צו אַלע מלוכות ! פֿאַרן פֿאָטער-לאַנד אַ גרויסע הנחה !

**אַרבעטער.** מיר וועלן דיר די מאָרדע צעהאַקן, דו פֿאָטערלאַנד-חזיר !

**זונה.** און איך בין אַ מאַמע פֿון אַ קינד ! מיר וועלן זיך נישט לאָזן – מיר מאַמעס ! *פֿאָכעט מיטן ווינענדיקן קינד ווי מיט אַ פֿאָן.*

**איינע.** *פֿון המון* ס׳קינד אַהער, נבֿלה פֿאַרעיפּושטע ! ס׳איז דאָך מײַנס, נישט דײַנס ! *לויפֿט צו, רײַסט איר ס׳קינד פֿון די הענט אַרויס, אַנטלויפֿט דערמיט.*

**זונה.** *צעמישט* ס׳איז דאָך פֿאָרט מײַן קינד !

**שלימאַזעלאַנוס.** דײַן חלום !

**זונה.** *ווײנט* מיר מאַמעס וועלן נישט דערלאָזן ! מיר וועלן אײַך נישט געבן אונדזערע קינדער, באַנדיטן. *אויבן – געלעכטער.*

**שלימאַזעלאַנוס.** לאַכט נישט פֿון איר געוויין ! אין אירע רייד איז אַ טיפֿער מיין ! מיר וועלן אײַך נישט אַוועקגעבן, איר מערדער, אונדזערע בעסטע קינדער – אונדזערע חלומות ! ניין !

**קריגס-פֿאַבריקאַנט.** איר וועט שוין גיין וווּהין מ׳וועט הייסן !

**פּילאָט.** איר וועט שוין פֿליִען – מ׳קען אײַך ! איר וועט שוין טייטן !

**גענעראַל.** טייטן !

**קאַפּיטאַן.** איך פֿיר די שיף ! און די שיף פֿאָרט צוריק !

**אַרבעטער.** מיר'ן דיך, ים-רויבער, אין וואַסער אַרײַנוואַרפֿן *וויל זיך וואַרפֿן אויפֿן קאַפּיטאַן.*

**קאַפּיטאַן.** *בלײַבט רויק, לאַכט* מיך אין וואַסער ? גייט איר דאָך אַלע אונטער, נאַר איינער ! איר קאָנט דען פֿירן אַ שיף ? *צעמישונג.*

**שלימאַזעלאַנוס.** ווײ, ים-רויבער פֿירן מיט דער שיף פֿון די אָרעמע !

**אַלע.** ים-רויבער פֿירן די שיף פֿון די אָרעמע !

**קאַפּיטאַן.** *צום אַרבעטער* דו ! ווער איז עס דאָרט, דער, וואָס שטייט לעבן דיר און דעקלאַמירט ?

**שלימאַזעלאַנוס.** דער לעצטער דיכטער אויפֿן ערדקויל. דער נישט-געלייענטסטער. דער נישט-פֿאַרשטאַ-נענסטער. דער איבעריקסטער.

**קאַפּיטאַן.** וואָס טוסטו צווישן די אָרעמע ? צו אונדז אַרויף – מיר וועלן דיך דאַרפֿן !

**שלימאַזעלאַנוס.** ביז איצט האָט איר נישט געדאַרפֿט, איר איבערזאַטע, איר עקלדיקע –

**גענעראַל.** איצט – יאָ !

**קריגס-פֿאַבריקאַנט.** באַקומסט אַ פּאָסטן ! וועסט באַזינגען די קוואַליטעט פֿון מײַנע גאַזמאַסקעס !

**צווייטער קריגס-פֿאַבריקאַנט.** רעקלאַמירן אין גראַמען מײַנע שטינקשטראַלן !

**פּילאָט.** פֿאַרהערלעך מײַן העלדישקייט !

**קאַפּיטאַן.** וואָס איז בלוט-פֿאַרגיסונג אָן באַגײַסטערונג ?

**גענעראַל.** וועלטקריג נומער צוויי דאַרף אַ מלחמה-פּאָעט !

**אַרבעטער.** *צו שלימאַזעלאַנוס* שווײַגסט ? ענטפֿער זיי !

**שלימאַזעלאַנוס.** *רופֿט זיך נישט אָפּ.*

**אַרבעטער.** ס'האָט דיר פֿאַרשמעקט –

**שלימאַזעלאַנוס.** ניין... כ'וועל נישט זאָגן... מלחמה ? ניין, ס'איז דאָך אומזין... נאָר עפּעס פֿיל איך, ברודער אַרבעטער, אַ נײַעם ווערטער-קוואַל... מיר ווילט זיך אויסשרײַען ווי הערלעך דער טויט איז ! איך, ווערטער-האַמלעט, האָב לאַנג שוין געחלומט, מײַן קונסט זאָל ווערן טאַט – איצט קאָן זי ווערן טאַט ! איצט קאָן זי ווערן האַרמאַט !

**גענעראַל.** האַרמאַט ? הוראַ !

**פּילאָט.** לעבן זאָל דער פּראָזן-פּילאָט !

**פֿאַבריקאַנט.** הער דיכטער, מיר וואַרטן.

**אַרבעטער.** *צו שלימאַזעלאַנוס* ווערעמדיקער גאָט-פֿאַרקויפֿער וואָס דו ביסט ! שווײַגסט ? איך זע שוין די פּאַטריאָטישע גראַמען, וואָס שרצן הינטער דײַן שטערן !

**שלימאַזעלאַנוס.** איך זאָג דען עפּעס ? איך זאָג דאָך נישט... איך גיי דאָך נישט... איך האָב נאָר אַ רגע זיך אַ וואַקל געטאָן...

**אַרבעטער.** אַ וואַקל געטאָן ? ביסטו שוין קיין אונדזעריקער נישט ! ארויף צו זיי, ווערטער-מאַכער, אָדער

איך שפּאַלט דיר דעם קאָפּ !

**שלימאַזעלאַנוס.** אַזוי רעדסטו צו מיר ? *פּויזע, דענקט נאָך, מיט אַ מאָל – רעזאָלוט* אומדאַנקבאַרער המון ! ועסט שוין קיין מאָל אַ דיכטער-געמיט נישט באַנעמען. *לאָזט זיך גיין אַרויף. אויבן ווערט אַ שׂימחה.*

**אַרבעטער.** צו אַלדי רוחות.

**פּילאָט.** לעבן זאָל דער זינגער פֿון די גיפֿטיקע גאַזן !

**קאַפּיטאַן.** לאַנג צײַט געווען. ווי קומט איר צו זיי ? *דריקט אים די האַנט.*

**שלימאַזעלאַנוס.** אַז איר האָט אויפֿגעהערט מיך צו באַנוצן – אָפּגעשטויסן – צום פּאַריאַ געמאַכט –

**פֿאַבריקאַנט.** *קלאַפּט אים איבער דער פּלייצע* נו, אָבער איצט ? ס'איז דאָך אַ וווּנדערבאַרע באַשעפֿטיקונג !

**שלימאַזעלאַנוס.** *נייגט זיך.*

**קאַפּיטאַן.** הער גענעראַל, אויפֿן שיף בײַ אונדז, אין ערשטן קלאַס, פּאָרט, דאַכט זיך, דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט איוואַן רוקאַווישניקאָוו. זײַט אַזוי פֿרײַנדלעך, טוט אים אַ רוף –

**גענעראַל.** ווער ? רוקאַווישניקאָוו ? *דערשטוינט* אָט גיי איך. *אָפּ.*

**לוסי דזשייקאָבסאָן.** *קומט צו לויפֿן אַ פֿאַרסאַפּעטע, דערלאַנגט אַ זינג, אַ שפּרונג, וואַרפֿט זיך דעם קאַפּיטאַן אויפֿן האַלדז* וואָס איך הער ! אַ צוויטער וועלטקריג ? אויסגעצייכנט !

**שלימאַזעלאַנוס.** *אומדרייסט* אָ, איך פֿאַרשטיי אײַער באַגײַסטערונג, מאַדאַם ! שיין איז דער טויט.

**לוסי דזשייקאָבסאָן.** *מעסט אים אָפּ מיט אַ בליק* דער טויט ?

**קאַפּיטאַן.** *צו לוסין* דאָס איז דאָך אונדזער הער דיכטער. מיר גיבן אים דעם טיטל וועלטקריג-פּאָעט.

**לוסי דזשייקאָבסאָן.** וווּנדערבאַר ! הער דיכטער, קאָן איך בײַ אײַך באַשטעלן אַ וועלטקריג-אָפּערעטע מיט אַ הויפּטראָל פֿאַר לוסי דזשייקאָבסאָן אַלס קראַנקן-שוועסטער אין מענער-הויזן ?

**שלימאַזעלאַנוס.** *קוועלנדיק זיך* אָפּערעטע ? אפֿשר טראַגעדיע ?

**לוסי דזשייקאָבסאָן.** אַך, וואָס רעדט איר ?

**שלימאַזעלאַנוס.** *צעמישט* גרייט צו דינען, מאַדאַם.

**פּילאָט.** צוליב דעם אַליין וואָלט זיך געלוינט אַ צווייטער וועלטקריג, אַז דו, מיס לוסי לוסטיקע, זאָלסט קאָנען כישופֿן מענער-אויגן אין אַ וועלטקריג-אָפּערעטע !

**לוסי.** *קוקט אויף אים הייס* אָ, איך דאַנק דיר, פּילאָט מײַנער ! זאָג מיר, ייִנגל, דײַן ווּנטש – דײַן אינטימסטן – נו, אינטימסטן ווּנטש –

**פּילאָט.** מיט דיר, מיס לוסי, אין די וואָלקנס פֿליִען, מיט איין האַנט באָמבאַרדירן די שטעט פֿון שׂונא און מיט דער צווייטער – *רוימט איר עפּעס אויפֿן אויער.*

**לוסי.** *גליקלעך* אַך, איך האַלט עס נישט אויס ! וואָס פֿאַר אַן אײַנפֿאַל. ביסט שוין איין מאָל אַ יונג. *מיט דער האַנט אויף זײַן אַקסל* איך פֿלי מיט דיר, ייִנגל ! זאָל לעבן דער לופֿטפֿלאָט. *צעקושן זיך. אויבן קוועלט מען.*

**שלימאַזעלאַנוס.** *מיט אַ האַלב קול* און וואָס וועט ווערן מיט דער אָפּערעטע ?

**לוסי.** אַ, מיט דער אָפּערעטע – מאַכט עס – אָדער ניין – לייגט עס אָפּ – צו וואָס ? גלײַכער פֿלִיען ! *דריקט זיך צום פּילאָט.*

**פּילאָט.** דערשטיקסט דאָך מיך – *קושן זיך.*

**קולות.** *פֿון אונטן* וואָס פֿאַר אַ קושעניש דאָרטן ?

**זונה.** *מיט קינאה און ווייטיק* יענע רײַכע זונה האָט שוין גענוג די ערד – זי וויל דאָס פּרווון טון אין דער לופֿטן.

**אַרבעטער.** פֿליט, פֿליט – מ׳עט אײַך שוין אַראָפּשלעפּן ! ס׳וועט זײַן אַ סוף צו אײַך –

**לוסי.** *צום פּילאָט* באָמבאַרדירן ! קושן ! פֿלִיען ! שנעלער ! וואָס וואַרט מען ?

**שלימאַזעלאַנוס.** *אומזיכער* מאַדאַם, זאָל איך עס באַזינגען ?

**לוסי.** וואָס ?

**שלימאַזעלאַנוס.** אײַער העלדישע לופֿטליבע.

**לוסי.** יאָ, איר מעגט –

**פֿאַבריקאַנט.** זעט איר, הער דיכטער ? קיין שטאָף וועט אײַך נישט פֿעלן.

**שלימאַזעלאַנוס.** *נייגט זיך.*

**קאַפּיטאַן.** *צום אַרבעטער* נו, און איר, הער פּראָלעטאַריער ? אײַער קאָלעגע, דער דיכטער, האָט שוין דעם וועלטקריג אַקצעפּטירט ! רעכנט איר מיר נאָך לאַנג צו בונטעווען די שיף ?

**אַרבעטער.** ס׳איז אײַער וועלטקריג –

**קאַפּיטאַן.** נישט נאָר אונדזערער – אויך אײַערער –

**אַרבעטער.** גענוג ! מיר ווילן נישט פֿאַרגיסן קיין בלוט די מעכטיקע צוליב !

**קולות.** די רײַכע צוליב !

**קאַפּיטאַן.** נישט צו דער זאַך, הער פּראָלעטאַריער. דער פּאַציפֿיזם איז אויך פֿון אײַער שטאַנדפּונקט אַן אַבסורד.

**גענעראַל און רוקאַווישניקאָוו** *קומען אַרײַן.*

**רוקאַווישניקאָוו.** *אין רויטן* צו אַלע, אַלע, אַלע ! ברידער האָרעפּאַשניקעס ! אַלוועלטלעכע אָרעמקייט ! חבֿרים ! פֿאַרשקלאַפֿטע פֿון אַלע לענדער ! אין נאָמען פֿון דער אַרבעטער- און פּויערים-רעפּובליק ! אין נאָמען פֿון דער רעפּובליק, וואָס האָט אָנגעשריבן אויף איר פֿאָן די סאָציאַלע רעוואָלוציע און דאָס גליק פֿאַר אַלע לײַדנדיקע !

**אַרבעטער.** מיר הערן ! רעד !

**קולות.** זאָל לעבן די רויטע רעפּובליק פֿון די ראַטן !

**רוקאַווישניקאָוו.** די צוועלפֿטע שעה האָט געשלאָגן אויפֿן זייגער פֿון דער געשיכטע. די צוועלפֿטע שעה איז די רויטסטע שעה – די שעה פֿון נקמה און די שעה פֿון גערעכטיקייט. ברידער, דער וועלטקריג האָט צוויי געשטאַלטן איין געשטאַלט אַ שוואַרצע, די צווייטע אַ רויטע. מיט האַרצקלאַפּונג האָבן מיר אָפּגעוואַרט די

איצטיקע וועלט היסטאָרישע מינוט. געקומען די צײַט פֿון רעכנשאַפֿט – די לעצטע שלאַכט קעגן דער הערשאַפֿט פֿון קאַפּיטאַל. קאַפּיטאַל און אַרבעט האָבן זיך אָנגעקוקט און באַשלאָסן אָנצוהויבן דעם היסטאָרישן דועל. ביידע האָבן עס געוואָלט ענגלאַנד און מיר ! און איצט – איצט חבֿרים, זענען מיר בכּוח אָנצוהויבן אַ נײַעם, אַ צווייטן, אַ לעצטן וועלטקריג, כּדי מיט פֿײַער און בלוט אויסצוקעמפֿן די וועלט פֿון גלײַכע און פֿרײַע ! און מיר רופֿן אין דער מלחמה – אײַך אַלע, אַלע, אַלע !

**אַרבעטער.** אין דער מלחמה רופֿסטו ? דו אויך ? וואַרפֿן די ביקסן דאַרפֿן מיר. אָט דאָס וועט זײַן די גרעסטע רעוואָלוציע פֿון די אָרעמע. זאָג איך אמת ?

**קולות.** אמת זאָגסטו !

**רוקאַווישניקאָוו.** חבֿרים, וואָס איז דער קריג פֿאַר אונדז ? שליסל צו איבערקערעניש ! פֿון איין זײַט – זיי, די פֿאַרשקלאַפֿער, פֿון דער צווייטער – מיר ! מיר ! מיר !

**קולות.** מיר ! מיר ! מיר !

**קריגס-פֿאַבריקאַנט.** *קוועלט* אויסגעצייכנט ! פֿײַער, בלוט, גאַז ! דאָס – און ווײַטער גאָרנישט ! נישט אַזוי, הער שלימאַזעלאַנוס ?

**שלימאַזעלאַנוס.** געוויס... איך האָב שוין געזאָגט די שיינקייט פֿון טויט... די טראַגעדיע...

**לוסי דזשייקאָבסאָן.** אַך, איך בין אַזוי אַנטציקט ! ביסט אויך אַנטציקט, ייִנגל מײַן ? *קושט זיך מיטן פּילאָט.*

**קאַפּיטאַן.** *צום גענעראַל* וואָס זאָגט איר ? אַ שלעכטער אײַנפֿאַל געווען צו לאָזן אים רעדן ?

**גענעראַל.** *קלינגט מיט די שפּאָרן* פּראַכטפֿול, קאַפּיטאַן –

**קאַפּיטאַן.** און דער הויפּטבונטאַר, דער אַרבעטער-יונג, איר וועט זען, ווי ער אַליין –

**גענעראַל.** *רײַסט אים איבער* צום טײַוול ! ווי וווּנדערלעך דאָס לייגט זיך אַלץ צונויף ! אונדזערע אינטערעסן, זייערע –

**רוקאַווישניקאָוו.** חבֿרים, ווער ס'איז אַצינד קעגן קריג – דער איז קעגן סאָציאַלער איבערקערעניש ! קאָנט איר זײַן קעגן סאָציאַלער איבערקערעניש ? ניין, איר קאָנט נישט. ווײַל איר – *קורצע עפֿעקט-פּויזע* איר זענט אירע טרעגער !

**אַרבעטער.** וואַרפֿן די ביקסן ! זאָל די רעפּובליק פֿון ראַטן זיך צוריקציִען ! די אַרבעטער און די אָרעמע פֿון אַלע לענדער זאָגן צום קאַפּיטאַל מלחמה ווילסטו ? גוט, מיר אָבער ווילן נישט ! איז נישט דאָס די גרעסטע סאָציאַלע איבערקערעניש ?

**רוקאַווישניקאָוו.** בלינד ביסטו, חבֿר אַרבעטער – פּאַציפֿיזם איז אויך פֿון אונדזער שטאַנדפּונקט אַן אַבסורד !

**קאַפּיטאַן.** מײַנע ווערטער !

**רוקאַווישניקאָוו.** מיר האָבן פֿאַרן וועלטקריג קיין מורא נישט ! ווייסט איר פֿאַר וואָס ? ווײַל מיר מוזן זיגן !

**אַרבעטער.** *צו רוקאַווישניקאָוון* מיר מוזן ? גלויבסטו אַזוי ?

**רוקאַווישניקאָוו.** נישט איך גלויב, חבֿר אַרבעטער, – איך ווייס !

**אַרבעטער.** דו ווייסט ? *דענקט נאָך* דײַנע רייד זענען שטאָל, דאָס פֿײַער פֿון דײַנע אויגן פֿאַרברענט. פֿאַר וואָס אַזוי זיכער ? שוין זשע ביסטו גערעכט ? איז דאָס מעגלעך ?

**רוקאַווישניקאָוו.** איך בין עס, חבֿר אַרבעטער ! זעסט נישט, וואָס פֿאַר אַן אומזין דו רעדסט ? זאָגסט, מיר זאָלן וואַרפֿן ס׳געווער ! ווײַסטו, וואָס דאָס הייסט ? דאָס הייסט, קאַפּיטאַל זאָל אונדז אויסשעכטן. דאַרף ער דען אַרבעט, איצט, ווען אַלץ איז טעכניק ? ער קאָן זיך אָן אונדז באַגיין. נאָר גייען מיר, אַרבעטער, אין קריג אַרײַן – וועט אַרבעט שעכטן קאַפּיטאַל. בין איך גערעכט ?

**אַרבעטער.** מיר הייבט זיך אָן דאַכטן – *האַקט אָפּ.*

**רוקאַווישניקאָוו.** דאָס איז דאָך קלאָר. מיר אומבאַוואָפֿנט, קאַפּיטאַל באַוואָפֿנט – זיגט שוואַכער קאַפּיטאַל איבער מעכטיקער אַרבעט. אַרבעט אויך באַוואָפֿנט, – זיגט אַרבעט, וואָס איז שטאַרק אין צאָל, איבער קאַפּיטאַל, וואָס איז שוואַך אין צאָל און פֿאַרפֿוילט. נישט ?

**אַרבעטער.** דײַן וואָרט צעקלאַפּט. מײַן האַרץ וויל גלייבן. עס גייט נאָך דיר. און – איר אַלע – *קלערט אַ רגע* נאָך מיר ! *דער המון וואַקלט זיך.*

**קאַפּיטאַן.** צו אונדז, הער פּראָלעטאַריער ! ביסט דאָך שוין אויך פֿאַרן קריג, נישט וואָר ?

**אַרבעטער.** *גייט אַרויף* יאָ, נאָר נישט פֿאָר אײַער קריג – פֿאַר אונדזערן !

**קריגס-פֿאַבריקאַנט.** איך ליפֿער קריגסאַרטיקלען אַלעמען גלײַך ! ביליקע פּרײַזן ! גרויסע קאָנקורענץ !

**צווייטער קריגס-פֿאַבריקאַנט.** שטינקשטראַלן ! אויסגעצייכנטע שטינקשטראַלן !

**לוסי דזשייקאָבסאָן.** וואָס פֿאַר אַ פּערספּעקטיוון ! מעכטיקע עמאָציעס ! פֿרילינג-שטורעם אין די אָדערן ! מיט צוואָנציק יאָר ייִנגער !

**פּילאָט.** מיר׳ן זיך דורכפֿליִען, מיידעלע, אַ ?

**לוסי דזשייקאָבסאָן.** דורכפֿליִען, מײַן ייִנגל. דורכפֿליִען !

**גענעראַל.** *רוקט זיך צו לוסין* לופּטמאַסאַזש, כע-כע !

**רוקאַווישניקאָוו.** *צום אַרבעטער* דיר האָבן זיך געעפֿנט די אויגן, האָסט דערזען דעם אמת פֿון מײַנע רייד – וואָס שווײַגסטו ? רוף זיי נאָך זיך, נאָך מיר ! וואָס צעגערן זיי ?

**אַרבעטער.** חבֿרים ! נישט געצעגערט ! דער פֿאָרשטייער פֿון דער רעפּובליק איז גערעכט ! ווער פֿאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע – אַהער ! שליסן די רייען !

**גענעראַל.** בראַוואָ !

**רוקאַווישניקאָוו.** באַרויִקט אײַך, הער גענעראַל ! די זיגער וועלן מיר זײַן – איר וועט די נבֿלות זײַן אונטער אונדזערע פֿיס ! *צום המון* ווילט איר אויף זייערע נבֿלות טרעטן ?

**קולות.** מיר ווילן –

**רוקאַווישניקאָוו.** אַרויף צו מיר !

**קולות.** מיר גייען – *דער המון פֿלייצט אַרויפֿצו. אויבן שטעלן זיך אויס צוויי מחנות – איינע קעגן דער צווייטער. אונטן,*

*אינעם אויסגעליידיקטן צווישנדעק, ווײַזט זיך אַ הויכע אײנזאַמע פֿיגור. דאָס איז דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צײַט נישט געוויזן. איצט איז ער אומגעריכט אויסגעוואַקסן, ער הייבט אָן צו לויפֿן און מאַכן מיט די הענט.*

**דזשייקאָבסאָן.** לוסי, לוסי ! ווּ ביסטו אַהינגעקומען ? מענטשן, ווּ איז מײַן ווײַב ? האָט איר נישט געזען אַ מאָל לוסי דזשייקאָבסאָן, די זינגערין ?

**לוסי.** *פֿון אויבן* דזשייקאָב ? דאָ בין איך ! קום אַרויף ! גיב נאָר אַ קוק, וואָס פֿאַר אַ פּראַכטפֿולער פּילאָט !

**דזשייקאָבסאָן.** *קוקט זיך אום, בלײַבט שטיין* פֿאַרראַטסט מיך שוין מיט פּילאָטן ? ווילסט אַוועקפֿליִען ? שוין, זאָג איך, זאָלסטו אים אָפּלאָזן ! קום אַראָפּ – דו הערסט ?

**לוסי.** הערסט מיך אויף צו קאָמפּראָמעטירן פֿאַר לײַטן ? משוגענער ייִד איינער. זעט, אַז אַלע זענען אויבן – מוז ער אַרומקריכן אונטן !

**דזשייקאָבסאָן.** פֿון זייער שטיין וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען, זאָג איך דיר. קום אַראָפּ, זאָג איך דאָך דיר.

**לוסי.** אַ מענטש דאַרף זיך צופּאַסן צו דער געזעלשאַפֿט !

**דזשייקאָבסאָן.** יאָ, אָבער די געזעלשאַפֿט געפֿעלט מיר נישט. נעוואר מײַנד. מײַן נאָז פֿילט דאָ פֿײַער און פֿײַער איז נישט וואַסער, לוסי ! מיר געפֿעלט נישט, לוסי, די געזעלשאַפֿט. און די געזעלשאַפֿט פֿון דעם פּילאָט אויך נישט. הערסט, לוסי ? איך, דזשייקאָבסאָן, דײַן מאַן, וואָס כ׳האָב אויף דיר אַזוי פֿיל געלט געלייגט, וויל נישט, זאָלסט מיך פֿאַרראַטן מיט אַ פּילאָט ! פֿאַרראַט מיך מיט וועמען דו ווילסט – ס׳איז דײַן הייליק רעכט – אַבי נישט מיט קיין פּילאָטן ! נעם דיר אַ באָקסער, לוסי ! מיט אַ פּילאָט וועסטו פֿליִען און ברעכן דעם קאָפּ, אַ באָקסער אָבער וועט דיך פֿעסט צוהאַלטן ! און לאָזן דיך שטאַרבן קאָן איך נישט, באמנות – האָסט מיך צו פֿיל געקאָסט, לוסי !

**לוסי.** איך לאַך פֿון דיר, פֿאַרשטייסט ? איצט איז וועלט-מלחמה !

**דזשייקאָבסאָן.** און אַז וועלט-מלחמה איז וואָס ? שלעכטע ביזנעס גייען זיי מאַכן, שרעקלעכע ביזנעס ! מענטשן, איר וועט אומקומען, זאָג איך אײַך –

**גענעראַל.** דער מענטש איז משוגע.

**רוקאַווישניקאָוו.** קאַפּיטאַליסטישע פּחדנות !

**לוסי.** איך האָב אַלע מאָל געוווּסט, אַז ער וועט פֿאַרריקט ווערן.

**דזשייקאָבסאָן.** נעוואר מײַנד ! דערלויבט מיר צו זאָגן, אַז משוגע זענט איר – איך בין נישט משוגע, מענטשן, איך בין אַ גוטער ביזנעסמאַן – דאָס אַלץ – און מײַן נאַז איז אַ ייִדישע – מיין נאָז שפּירט אומגליק – איר פֿאַרשטייט ? ס׳איז ערגער ווי ריזיקע – ריזיקע איז סוחריש – איר אָבער, מענטשן, זענט שלעכטע סוחרים – און די סחורה, וואָס איר האָט, איז אײַער מענטשלעך לעבן – און איר האָט שלעכט אויסקאַלקולירט – זייער שלעכט אויסקאַלקולירט – איר וועט די סחורה פֿאַרלירן, זאָג איך אײַך – באַטראַכט אײַך – איך בין נישט משוגע – איך האָב קיין מאָל קיין שלעכטע ביזנעס נישט געמאַכט – נישט אומזיסט פֿון אַן אָרעמען שאַפּ-אַרבעטער זיך אַזוי אַרויפֿגעאַרבעט – דאָס זאָגט אײַך דזשייקאָבסאָן, קעניג פֿון די הויזנקנעפּ, יעס –

**לוסי.** *גיפּטיק* האָסטו דיך, אַפּנים, מיט דײַנע הויזנקנעפּ אָנגעגעסן, האָט עס דיר קאַליע געמאַכט דעם מאָגן,

זענען דיר די גאַזן אין קאָפּ אַרײַן, דזשייקאָב – *אַלע לאַכן*.

**פּילאָט.** דאָס מוזן זײַן בײַ אים אייפּערזוכט-גאַזן !

**גענעראַל.** קום אַרויף, דזשייקאָבסאָן ! גאָלדענע ביזנעס וועסטו מאַכן – הויזנקנעפּ פֿאַר דער אַרמיי ! אָן שפּאַס !

**דזשייקאָבסאָן.** לוסי ! צום לעצטן מאָל זאָג איך דיר, לוסי. האָסט מיך אַ סך דאָלאַרן געקאָסט. און איך האָב פֿײַנט שלעכטע ביזנעס, לוסי  איך האָב אַרײַנגעלייגט – וויל איך אַרויסנעמען. געצאָלט פֿאַר דיר, מיט בלוט און דאָלאַרן געצאָלט – קומט מיר אַ ווײַב, צי נישט ?

**לוסי.** איצט ערשט זע איך ווער דו ביסט – פֿוי – ייִד – וואָרעם –

**דזשייקאָבסאָן.** און איר, מענטשן, באַקלערט וואָס איר טוט ! האָט איר אויך אַזוי פֿײַנט פֿוילע ביזנעס ווי איך ? ווען יאָ – ראַטעוועט זיך ! ווייניק בלוט און געלט און שׂכל אין די וועלט-ביזנעס אַרײַנגע-לייגט, אין די מענטשהייט-ביזנעס ? אָ, איר האָט גענוג געצאָלט מיט בלוט, מיט שׂכל און געלט, ביז איר האָט אַזאַ וועלט אויפֿגעשטעלט – און איצט גייט איר דאָס אַלץ צעשטערן ? קנאַפּ זיך אָנגעהאָ-רעוועט, מענטשן, ביז איר האָט דאָס שטיקל ערדקוגל אַרויפֿגעאַרבעט ? נו, קומט אײַך די וועלט, צי נישט ? זי קומט אײַך, מענטשן, ווי מיר קומט מײַן ווײַב. איר אָבער ווילט חרובֿ מאַכן דאָס, וואָס אײַך קומט !

**שלימאַזעלאַנוס.** קאַלט ווערט מיר פֿון די רייד – אַלע מײַנע חלומות ברילן ווידער אויף אין מיר, ווען איך קוק אים אָן, ווען איך הער אים רעדן –

**קאַפּיטאַן.** הער דיכטער, נישט צו דער זאַך –

**שלימאַזעלאַנוס.** *הכנעהדיק* אַנטשולדיקט – אַנטשולדיקט –

**דזשייקאָבסאָן.** איר וועט דאָך איינער דעם צווייטן אַרונטערקלאַפּן די קעפּ. לאַנג וועט עס נישט אָנהאַלטן דאָס מאָל – אַ מעשׂה פֿון אַ פּאָר טעג ! די וועלט-מלחמה די ערשטע איז געווען אַ שלעכט געשעפֿט, די איצטיקע וועט זײַן דאָס ערגסטע געשעפֿט – איר ווייסט פֿאַר וואָס ? ווײַל ס׳וועט זײַן דאָס לעצ-טע געשעפֿט ! יעס, מער וועט איר שוין, מענטשן, קיין געשעפֿטן נישט מאַכן ! נעוועך מײַנד ! איר מעגט זיך פֿאַרלאָזן אויף אַ ביזנעסמאַן – פֿון אַלע זײַטן שטינקט מיט טויט – אַ פֿאַלשע קאַלקולאַציע –

**רוקאַווישניקאָוו.** אַהאַ ! קאַלקולאַציע ! רויבערישע געלטזאַק-פּסיכאָלאָגיע !

**אַרבעטער.** סאָציאַלע רעוואָלוציע, ייִד, איז דיר נישט קאַלקולאַציע – שווײַגן זאָלסטו, אָט וואָס –

**דזשייקאָבסאָן.** אַז מ׳לעבט אָן חשבון – שטאַרבט מען אָן ווידוי. לוסי, געדענק מײַנע רייד. וועסט פֿליִען-פֿליִען, פֿייגעלע, ביז דו וועסט ס׳קעפּעלע פֿאַרלירן. אַז דזשייקאָבסאָן זאָגט – איז געזאָגט. פֿאָלגט מיך, מענטשן, קומט דורך מיט גוטן – איך נעם מיך אונטער דער בורר צו זײַן – אפֿשר אַ הלוואָהלע, צי וואָס – אַ שאָד אַ וועלט – נאָך אַלעמען, נישט קיין שלעכטע וועלט געווען – דו, ענגלאַנדקע, נעם דיר דאָס און יענץ, און דו, רוסלאַנדל, נאַ דיר יענץ און דאָס – און זאָל שטיל זײַן – ווילסט אפֿשר, לוסי, אַ מתּנהלע אַ פֿײַנס ? מיט פֿאַרגעניגן, אַבי לאָז אָפּ דעם פּילאָט, לוסי. פֿלי נישט, אַ שאָד דײַן לײַב – נישקשה פֿון אַ לײַב געווען – איך ווייס עס –

**לוסי.** *וויינענדיק* וואָס סטראַשעט ער מיך מיטן טויט ? כ׳בין נאָך יונג – וועל אים איבערלעבן –

**פּילאָט.** דערלויב, לוסי, זיך אָנצונעמען פֿאַר דײַן ערע ! כ׳דערשלאָג אים אויפֿן אָרט ווי אַ הונט !

**לוסי.** *האַלב נאָך פֿאַרווײנט* וואָס ? מײַן ערע ! אַ קלײניקײט. מ׳דאַרף נישט, ייִנגל מײַן, אַ דאַנק. זעסט דאָך משוגע –

*עס ווײַזט זיך איבערן ים אין שײַן פֿון אַ ווײַסן לײַכטטורעם*

**דער וואַסערהאַר.** *פֿון זײַן ווײַסן נעפּל-העמד רינען לאַנגע וואַסערשטראָמען, מעלאָדיש רוישנדיק ווי אַ פֿרילינג-רעגן.*

**דזשײקאָבסאָן.** *קוקט זיך אום, דערזעט אים אַ,* ווער איז דער מיסטער ? *רופֿט אַריבער* פססט... נענטער, נענטער. אַהער !

**וואַסערהאַר.** *שווימט צו. אין דער האַנט – אַ הודזשענדיקע גרויסע וואַסער-באַנדורע.*

**דזשײקאָבסאָן.** *שטעלט זיך פֿאָר* דזשײקאָב דזשײקאָבסאָן פֿון ניו-יאָרק. מיט וועמען האָב איך דאָס פֿאַרגע-ניגן ?

**וואַסערהאַר.** דער וואַסערהאַר בין איך. ווױן דאָ אונטן. *ווײַזט מיט אַ פֿינגער אַראָפּצו.*

**דזשײקאָבסאָן.** קאָן מען וויסן וואָס איר טוט דאָ ?

**וואַסערהאַר.** הערסט נישט ? איך שפּיל.

**דזשײקאָבסאָן.** איר פֿאַרוויגט עמעצן ?

**וואַסערהאַר.** די כוואַליעס. זײ דאַרפֿן שלאָפֿן גײן.

**דזשײקאָבסאָן.** *דרך-ארצדיק* טוט איר, הײסט עס, אין ביזנעס ? אָלרײַט. ווײסט איר, מיסטער ? זײער גוט, וואָס איך זע אײַך איצט, אַ פּאָר טעג פֿאַר מענטש-אונטערגאַנג. וואָלט נישט מעגלעך געווען, איר זאָלט מיך מיטנעמען ?

**וואַסערהאַר.** ווּהין ?

**דזשײקאָבסאָן.** נו, אין די וואַסערן אײַערע.

**וואַסערהאַר.** צו וואָס דאַרפֿסטו דאָס, מענטש ?

**דזשײקאָבסאָן.** נישטאָ וואָס צו פֿאַרלירן. *צו אַלע, וואָס שטײען אויבן* מענטשן, אויף דער שיף האָט זיך באַוויזן דער וואַסערהאַר. איר זעט ? ער קומט פֿון אונטן, פֿון אַטלאַנטיק. ווער ס׳האָט נאָך אַ ביסל שׂכל אין קאָפּ און וויל זיך ראַטעווען – קאָן זיך ראַטעווען.

**קאַפּיטאַן.** ווּ זעסט אים, משוגענער דזשײקאָבסאָן ?

**דזשײקאָבסאָן.** אָט איז ער דאָך. *שרײַט* פֿײַער, פֿײַער, פֿײַער ! ווער וויל זיך ראַטעווען ?

**שלימאַזעלאַנוס.** *די הענט פֿאַר די אויגן* דאַכט זיך מיר, איך זע – אַ ווײַסע, שטראָמענדיק ווײַסע פֿיגור – און קלאַנגען הער איך, הודזשענדיקע, ווי אַ באַנדורע –

**דזשײקאָבסאָן.** מענטשן ! לוסי ! דער וואַסערהאַר וועט נישט לאַנג וואַרטן. ווער וויל זיך ראַטעווען אַ פּאָר טעג פֿאַר מענטשן-אונטערגאַנג ?

**קאַפּיטאַן.** נו, גענוג. אײן משוגענער דזשײקאָבסאָן זאָל פֿאַרהאַלטן אַ וועלט-מלחמה – דאָס איז אַ ביסל צו פֿיל. קײנער פֿון אונדז זעט נישט – אַיאָ ? קײנער הערט נישט – אמת ?

**גענעראַל.** פֿאַרשטייט זיך – קיינער נישט.

**רוקאַווישניקאָוו.** וואָס פֿאַר אַ ווילדע משוגעתן !

**שלימאַזעלאַנוס.** פּאַרדאָן. דאַכט זיך – איך הער יאָ. דאַכט זיך, איך זע. תּהומות שפּילן – וואַסערליכט גייט אויף –

**קאַפּיטאַן.** *שטרענג* פוסטע פֿאַנטאַזיעס, הער פּאָעט !

**שלימאַזעלאַנוס.** אַנטשולדיקט... מיר, פּאָעט, האָט זיך אפֿשר נישט מער ווי געחלומט, נאָר יענער דאָרט זעט אויף אַן אמת.

**דזשייקאָבסאָן.** ווער גייט ? קיינער נישט ! אפֿשר פֿאָרט ? *פּויזע* לוסי, דו גײַסט ?

**לוסי.** שמוציקער לומפּ ! *דרייט זיך אויס צו אים מיטן רוקן.*

**דזשייקאָבסאָן.** *שאָקלט מיטן קאָפּ* אַי, לוסי, לוסי ! *פּויזע. צום וואַסערהאַר* מיסטער וואַסערהאַר, איך גיי מיט אײַך. דזשייקאָבסאָן האָט דאָס זײַניקע געטון. *הויך* זײַ געזעגנט, וועלט, וואָס גייט צו פֿײַער ! *אויבן ווערט געלאַכט.*

**וואַסערהאַר.** מיט וואָס ביסטו, מענטש, אַזוי ווילגעפֿעלן, וואָס דו האָסט דער אײנציקער מיך דערזען ?

**דזשייקאָבסאָן.** מיסטער וואַסערהאַר, איך בין אַ ייִד.

**וואַסערהאַר.** וואָס באַטײַט דאָס ?

**דזשייקאָבסאָן.** אַ ייִד – דאָס איז אַזאַ מענטש, וואָס דערזעט אַ ביזנעס פֿאַר ווי ווײַט. אמת, א שאָד אַ וועלט און אַ שאָד אַ ווײַב. דאָס ווײַב מײַנס, לוסי, האָט אַ גאַנץ גוט לײַב און די וועלט, מיסטער וואַסער-האַר, איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטע וועלט. אָבער נאַריש איז די וועלט ווי מײַן לוסי און מײַן לוסי – נאַריש ווי די וועלט. און נישט נאַריש בלויז – שלעכט אויך. פֿירכטערלעך שלעכט, מיסטער וואַסער-האַר. ביידע ווילן זיי אונטערגיין, די וועלט און לוסי. *זיפֿצט שווער אָפּ* פֿאַרפֿאַלן. זאָל זײַן פֿון וואַסער, אַבי צום לעבן.

**וואַסערהאַר.** מענטש, כאַפּ אָן מײַן באַנדורע ! האַלט זיך פֿעסט ! אָט אַזוי ! מיר פֿליִען אַרונטער !

**דזשייקאָבסאָן.** *צו אַלעמען* גוד-בײַ, מענטשן, גוד-בײַ ! *כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט אָן דער באַנדורע, דער גײַסט לאָזט אַרויס אַ פֿרייד געשריי, גיט אַ פֿליעסק – ביידע לאָזן זיך אַראָפּ און ווערן נעלם.*

**לוסי.** זעט, זעט, ער איז פֿאַרשווונדן.

**אַלע.** אין וואַסער אַרײַן ! אין וואַסער !

*קאָנסטערנאַציע.*

**שלימאַזעלאַנוס.** סאַראַ פֿאָרגעפֿיל איך האָב...

**קאַפּיטאַן.** *שפּאָטיש* וואָס פֿילסטו דען ?

**שלימאַזעלאַנוס.** *נאָך אַ רגע שווײַגן* אונדז אַלע וועט אַראָפּשווענקען אַ מבול בלוט. אים, דעם ייִד פֿון ניו-יאָרק, וועט באַשערט ווערן צו זײַן – קורצע פּויזע – דער נײַער אָדם.

**אַלע.** *פֿאַרוווּנדערט* ער ? נײַער אָדם ?

**שלימאַזעלאַנוס.** ער. *מעלאַנכאָליש* איך אָבער וועל אונטערגיין מיט אײַך צוזאַמען און ס׳וועט נישט זײַן אַפֿילו ווער ס׳זאָל אײַער פֿארשיוון אונטערגאַנג באַזינגען – און מײַנעם.

*פֿאָרהאַנג לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ.*

## צווייטער אַקט

*תּהום פֿון אַטלאַנטיק. אַ פּאָליפּן-אינדזל, אַרומגעוואָקסן פֿון בלווילעך-גרינע און פֿיאָלעטע וואַסערן. דזשייקאָבסאָן אין אַ ווינקל, אויסגעצויגן אויף אַ קאָראַל-טעפּיך; אים צו קאָפּנס און צו פֿוסנס וויגן זיך וווּנדערלעכע תּהום-געוויקסן, ווי יונגפֿרויען מיט דימענטענע אויגן. פֿון אויבן, פֿון אונטן, פֿון אַלע זײַטן גיסט זיך אומענדלעך וואַסער-געזאַנג. צעבראָכענע, פֿאַרזונקענע שיפֿן שוואַרצן זיך אין הינטערגרונט ווי סילועטן פֿון טויטע חיות.*

**וואַסערגײַסטער.** *טאַנצן.*

אַל-דאָס שטראָמיקע,<br>
אַל-דאָס ריריקע,<br>
טיפֿע, תּהומיקע,<br>
רײַך קאָליריקע, –<br>
זאָל עס רירן זיך,<br>
שטיין אַ ווײַלע נישט,<br>
און אין אײַלעניש,<br>
און אָן פֿרעגן זיך,<br>
אייביק פֿרייען זיך<br>
און באַוועגן זיך.<br>
זאָלן דרייען זיך<br>
זאַך און קעגנזאַך!<br>
שטיינער פֿינצטערע<br>
און געוויכטיקע,<br>
זונען גוואַלדיקע,<br>
זונען ליכטיקע,<br>
אַלץ וואָס טוט זיך נאָר<br>
בײַ גאָט האָדעווען –<br>
אַלץ זאָל רירן זיך,<br>
קאַראַהאָדעווען!<br>
טרינקט אָן, וואַסערן,<br>
ערד די נאַשערין,<br>
זייגט די פֿעלדזן אָן,<br>
דרייט ווי זייגערס אָן<br>
אַל-דאָס אונטערשטע,<br>
אַל-דאָס אייבערשטע, –

זינגט דאָס וואַסערליד,
דאָס פֿאַרצויבערטע !

**וואַסערהאַר.** *לאַנג ווײַס העמד, גרין-פֿינקלדיקע געוויקסן-קרוין אויפֿן קאָפּ, הודזשענדיקע באַנדורע אין האַנט* אויף מײַן טראָן, געפֿלאָכטן פֿון ים-גראָזן און געזעצט מיט אויגן פֿון טויטע פֿישן, זיץ איך. דאָס אייביקע וואַסערליד הער איך. זיי – זיי ווערן נישט מיד זינגענדיק. איך ווער נישט מיד הערנדיק. איך שפּיל זיי צו אויף מײַן וואַסער-באַנדורע.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *כאָרפֿירער ; שטעלט זיך פּלוצלינג אָפּ, פֿאַרציטערט* האַר, געהערט ?

**וואַסערהאַר.** געוויס הער איך, אַלטער דינער. דאָס אַלטע וואַסערליד הער איך.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *העפֿטיקער* האַר, געהערט ?

**וואַסערהאַר.** געוויס הער איך. דאָס אַלטע וואַסערליד הער איך.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** אויפֿהערן ! *ס'ווערט שטיל. די גײַסטער קוקן מיט אומרו אויפֿן כאָרפֿירער* איר הערט נאָך אַלץ נישט ? קולות ! פֿון אויבן, פֿון דער ערד !

**וואַסערהאַר.** וואַסער מוז דאָס ליד זינגען, ס'אייביקע ליד – וואַסער זאָל נישט שטיל שטיין – וואַסער באַוועגט אַלץ – אייביק באַוועגט עס גאָטס מילשטיין, גאָטס מילשטיין –

**אַלטער וואַסערגײַסט.** טײַוול-געשרייען רײַסן זיך אין אונדזער טאַנץ ! לאָזט הערן ! *שטילקייט* שטיל געוואָרן אויבן.

**וואַסערהאַר.** וואָס נעמסטו דיך איבער ? טאַנץ ווײַטער !

**יונגער גײַסט.** געטאַנצט, געגלאַנצט, געזונגען !

**אַן אַנדער גײַסט.** וואַסער טאָר נישט שטיין !

**וואַסערהאַר.** *צום אַלטן וואַסערגײַסט* וואָס שטייסטו ? כ'האָב באַפֿוילן !

*טאַנץ ווערט באַנײַט. וואַסערהאַר שפּילט צו אויף דער באַנדורע און שאָקלט צו מיט דער געוויקסן-קרוין.*

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *באַמערקט אין מיטן דעם שלאָפֿנדיקן דזשייקאָבסאָן. שטעלט זיך ווידער אָפּ, מאַכט אַ צייכן, אַלע זאָלן שטיין בלײַבן. אומרויִק, מיט אַ פֿאַרזאָרגט געזיכט, צום וואַסערהאַר* האַר, ווער איז דער ? *טײַטלט אויפֿן שלאָפֿנדיקן. אַלע רינגלען אַרום דזשייקאָבסאָנען ; באַטראַכטן אים.*

**וואַסערהאַר.** זעסט נישט ? אַ מענטש !

**אַלטער וואַסערגײַסט.** איז ער טויט ?

**וואַסערהאַר.** ניין, ער שלאָפֿט בלויז.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** טויטערהייט פֿלעגן זיי קומען אין אונדזער מלכות. און מיט אַ מאָל – אַ לעבעדיקער. אוי ! אַ וויסט פֿאָלק די מענטשן און אַן אומריינס. נאָך וואָס זאָל נישטיק מענטשנפֿלייש ליכטיק תּהום-וואַסער פֿאַראומרייניקן ?

**גײַסטער.** פֿון וואַנען איז ער, האַר ?

**וואַסערהאַר.** אַרויס בין איך אויפֿן ים די כוואַליעס אײַנוויגן. ער האָט מיך דערזען, מיך צוגערופֿן, געבעטן,

אים מיטצונעמען. ער האָט געזאָגט, ער וויל זיך ראַטעווען. די מענטשנוועלט גייט אונטער. אויך אַנדערע האָט ער גערופֿן, זיך צו ראַטעווען מיט אים – האָבן זיי נישט געוואָלט, די מענטשן.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** מיט וועלכן ווונדער, האַר, האָט ער דיך דערבליקט ?

**וואַסערהאַר.** קלוגע אויגן האָט ער, דער מענטש, אומעטיקע אויגן.

**יונגער וואַסערגײַסט.** אַ מענטש – וואָס איז אַ מענטש ? מיר זענען גײַסטער. מיר דאַרפֿן זינגען.

**וואַסערהאַר.** *שטרענג* אמת רעדסטו, וואַסערקינד. גייט, שפּרייט זיך איבער די וואַסערן פֿונאַנדער ! נישט אײַער זאַך. נישט אײַער זאָרג. און פֿאַרגעסט נישט, אַלע פּערל אויפֿצוקלײַבן, וואָס קראַנקע אויסטערן האָבן געמפּילט.

**אַלע.** צום באַפֿעל ! *אַלע, מיטן אַלטן וואַסערגײַסט בראָש, אָפּ מיט געזאַנג.*

**וואַסערהאַר.** *אַליין* און אין דער אמתן  וואָס איז דער מער מיט דער אַלטער קראַנקער ערד ?

**דזשייקאָבסאָן.** *וועקט זיך* ווּ בין איך ?

**וואַסערהאַר.** ביסט בײַ מיר.

**דזשייקאָבסאָן.** אַהאַ, דער אַטלאַנטיק... *האָרכט* מ׳זינגט ?

**וואַסערהאַר.** מײַנע גײַסטער.

**דזשייקאָבסאָן.** *שטעלט זיך אויף, באַטראַכט אַלץ מעשה געשעפֿטסמאַן, שפּאַנט הין און צוריק, שמייכלט* אײַערע וואַסער-זינגער קאָנען ! ווען איר פֿרעגט מיך  ווער מאַכט דאָס בעסער, זיי, אָדער לוסי, וואָלט איך געזאָגט לוסי פֿלעגט דאָס נישט מאַכן אָן געדונגענע אַפּלאָדיסמענטן און אָן געקויפֿטער רעקלאַמע און אַפֿילו נישט אָן פֿאַרקויפֿטן לײַב. זיי אָבער מאַכן דאָס אָן אַפּלאָדיסמענטן, אָן רעקלאַמע און אָן עפּעס אַנדערש – און זיי מאַכן דאָס בעסער. *פּויזע* פֿונדעסטוועגן פֿאַרשטיי איך נישט – וואָס זענען זיי אויסן דערמיט, אײַערע אָנגעשטעלטע, די וואַסער-הערן ?

**וואַסערהאַר.** זיי זינגען, זיי זינגען, זיי זינגען. אָן דעם וואָלט זיך דער ים נישט געוויגט, וואָלטן זיך שטערן נישט באַוועגט – זיי זינגען, זיי זינגען, זיי זינגען.

**דזשייקאָבסאָן.** וואָלטן זיך שטערן נישט באַוועגט ? אָ, אויב אַזוי – איז דאָס ווירקלעך אַ קאָלאָסאַלע און-טערנעמונג. מ׳קאָן נישט זאָגן, איך האָב אויך געפֿירט אונטערנעמונגען. אָבער הויזנקנעפּלעך זינגען נישט – זיי רײַסן זיך.

**וואַסערהאַר.** געזאַנג איז דער אָנהייב פֿון אַלץ – און דער סוף. געזאַנג איז אייביקייט.

**דזשייקאָבסאָן.** אייביקייט ? איר רעדט צו פּאָעטיש, אָבער ווידליק איך פֿאַרשטיי – זענט איר גאַנץ גע-רעכט. אָלרײַט ! אײַער וואַסער-קאָנסערוואַטאָריע געפֿעלט מיר זייער גוט. ס׳אַן אמתע געזאַנג-פֿעקטאָרי ! מוזיק, וואָס באַוועגט די שטערן ? אָט אַזאַ מוזיק, מיסטער וואַסערהאַר, גלײַך איך. דאָס האָט געשעפֿטלעכן שוווּנג, יעס. איך האָב אָבער שטענדיק געזאָגט, אַז אונדזערע פֿאַבריקן פֿון הויזן-קנעפּ און פֿאָרד-אויטאָמאָבילן און אַפֿילו אונדזער שלאָפֿן מיט שיקסעס פֿאַרשידענע – איז נאָך נישט אַלץ ! נעווער מײַנד ! נו, האָבן זיי געלאַכט. און לוסי מײַן ווײַב האָט געזאָגט  ביסט אַ משוגענער דזשו. האָב איך איר אויפֿגעמישט די בײַבל, האָט זי געזאָגט  די בײַבל איז גאָרנישט, די בײַבל האָבן אויסגעקלערט אַזעלכע נאַרישע ייִדן ווי דו. האָב איך געזאָגט  נו, און די ערד האָב איך אויך אויס-געקלערט ? איך בין אַ

ביזנעסמאַן. איך ווייס נישט פֿון קיין חכמות. ווער האָט געמאַכט דעם ים – דו ? האָט זי געלאַכט אומגעבילדעטער מענטש. יעס – זאָג איך, – אַזוי געבילדעט ווי דײַן לעצטער געליבטער, דער אײַרישער שווימטשעמפּיאָן, בין איך נישט, אָבער אַ ביזנעסמאַן בין איך, און איך פֿאַרשטיי אַזאַ אונטערנעמונג ווי די ערד מוז, געוויינלעך, האָבן אַ שעף-דירעקטאָר. *אומעטיק* וואָס קומט אַרויס ? יאָ דירעקטאָר, נישט דירעקטאָר. סײַ-ווי גייט דאָס אַלץ קאַפּוט. די פֿירמע קראַכט. דאָס געשעפֿט, נאָך אַלעמען, איז שלעכט געפֿירט געוואָרן. גרויסע מיסברויכן.

**וואַסערהאַר.** קולות דערטראָגן זיך, שרעקלעכע קולות. אַ שלעכטע שכנטע, די ערד. וואָס פֿילדערן אַזוי דײַנע ברידער ?

**דזשייקאָבסאָן.** *ביטער* וואָס דען ? זינגען זאָלן זיי ? זאָלן זיי ווערן אַזעלכע זינגער ווי איר – טאָ וואָס וועט זײַן דער ייִחוס מיט מײַן ווײַב, מיט מײַן עקס-ווײַב, מיט לוסין ? צווייטנס ווי קאָנען מענטשן אַרומגיין און זינגען, אַז זיי דאַרפֿן איינס דאָס אַנדערע שעכטן ?

**וואַסערהאַר.** צו וואָס טוען זיי דאָס ?

**דזשייקאָבסאָן.** דאָס פֿרעג איך דאָך אויך. דערפֿאַר האָב איך דאָך געמאַכט פּליטה פֿון דער שיף. *פּויזע* איר זענט, וואָס אַן אמת, אַ גײַסט, פֿונדעסטוועגן – באַרעכנט, וועט איר אַליין זען, אַז איך האָב רעכט ווען אַלע דעפּאָזיטן ווערן צוריקגעצויגן פֿון די בענק – קאָנען די בענק האָבן דעקונג ? ניין, זיי קאָנען נישט. אויב אַלע מענטשן ווערן משוגע און ציִען אַרויס פֿון אומזאַץ זייערע לעבנס – קאָנען גאָטס ביזנעס ווײַטער אָנגיין ? ניין.

**וואַסערהאַר.** *פּלוצלינג, מיט שרעק* מענטש, ווער צינדט מײַנע וואַסערן ?

**דזשייקאָבסאָן.** *קוקט זיך אײַן* קיינער צינדט נישט. דאָס איז מענטשנבלוט.

**וואַסערהאַר.** וואָס ווילן דײַנע ברידער פֿון מײַנע וואַסערן האָבן ?

**דזשייקאָבסאָן.** *שטיל און דערשלאָגן* מיסטער ים-גאָווערנאָר, נעמט זיי נישט פֿאַר אומגוט. זיי זענען זייער אומגליקלעך. אומגליק, סער, איז שטענדיק געווען אַ פֿאַרברעכער. אומגליק איז אַ מערדער.

**וואַסערגײַסטער.** *קערן זיך בהלהדיק אום צוריק ; זיי לויפֿן ווי געיאָגט, סאַפּען, פֿאַלן אום.*

**דזשייקאָבסאָן.** *צום וואַסערהאַר* דײַן פֿאָלק, די וואַסער-קלעזמער ? *צו די גײַסטער, לעבהאַפֿטיק* העלאָ ! איך בין דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן. האָט איר נישט איבערגענומען לעצטע קייבלס פֿון דער ערד ? פֿון דער וועלט-מלחמה ? איר קומט דאָך ערשט פֿון אײַער וואַסער-אינספּעקציע. *קיינער הערט אים נישט.*

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *צעטראָגן* האַר, צוריקקערן געמוזט ! נישט צו דערקענען די וואַסערן ! רויטס, שלײַמיקס, זודיקס און זינדיקס פֿלייצט פֿון אומעטום, נעצט אונדז די העמדער דורך. אַל-דאָס געזאַנג ווערט דערוואָרגן – עס דונערט די ערד און בילט, אונטערן וואַסער יאָגן שיפֿן – ווער ווייס, זיי וועלן אויך צו אונדז דערלאַנגען, אין אונדזער צויבער-גבֿול אַרײַנגיין. נישט געווען אַזוינס ! די צווייפֿיסיקע חיה איז משוגע געוואָרן.

**אַלע.** *אין טרויערכאָר* משוגע געוואָרן. משוגע.

**וואַסערהאַר.** בלוט אין מײַן קיניגרײַך – ווײ ! בלוט שיקט דער מענטש – אין בלוט גייט ער אונטער – וואָס וויל ער פֿון די וואַסערן מײַנע ?

**אַלע.** פֿון אונדזערע וואַסערן וואָס וויל ער ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** צײַטן שלעכטע אָנגעשטאַנען, צײַטן שלעכטע פֿאַרן וואַסערפֿאָלק. נישט געריכט זיך אויף אַזוינס, נישט געריכט. אונטערן וואַסער לויפֿן שיפֿן, שפּײַען זודיק בלײַ, אָ, האַר, לאָזן וויסט געשטאַנק אַרויס, פּלאַצן ווי טויזנט פֿרילינג-דונערן – נישט מ׳קאָן זינגען ווי אַ מאָל, נישט מ׳קאָן דעם אָטעם כאַפּן.

**וואַסערהאַר.** *צו דזשייקאָבסאָנען* דײַנע ברידער די פֿאַרשאָלטענע ! נישט געשוינט מײַן קיניגרײַך. פֿלוך אויף זיי, פֿלוך.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *בייז* שוין אויפֿגעכאַפּט זיך ?

**אַנדערע גײַסטער.** – אומעטום שפּראָצן זיי. – וואָס טוט דער בײַ אונדז ?

**דזשייקאָבסאָן.** הערט מיך אויס, ווערטע גײַסטער. ערשטנס, וואָלט איך וועלן וויסן, ווי איז דאָס געווען אין 1914. איר מוזט דאָך שוין זײַן צוגעוויינט אַ ביסל צו די זאַכן.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** אין אונדזער גבֿול, חיה צווייפֿיסיקע, איז אייביק שטיל געווען. אונדזער קיניגרײַך, חיה, איז דאָס פֿאַרהוילנסטע געווען פֿון אַלעם פֿאַרהוילענעם. ווען וואַסערן אַלע האָבן אַרום אונדז געדונערט – זענען אונדזערע וואַסערן זינגענדיק געבליבן און לויטער. מיר זענען די הייליקייט דעם ימס, זײַן פֿאַרבאָרגן האַרץ זענען מיר.

**דזשייקאָבסאָן.** מאַכט נישט אויס. אויך דאָס מאָל האָט איר זיך נישט וואָס צו שרעקן. אײַך איז גוט – איר זענט גײַסטער. *טרויערפֿול* איך אָבער בין שוין גאָרנישט אַזוי אָלרײַט. סײַדן איך וועל ווערן אַ גײַסט. אַ מענטש צו זײַן, – אָ, דאָס איז זייער, זייער נישט אָלרײַט ! אַ מענטש איז אַ חיה, וואָס האָט בלויז צוויי פֿיס, אָבער טויזנט צרות. איך האָב מײַנע ברידער געוואָרנט, געוואָלט ראַטעווען – אומזיסט ! וואָס דאַרפֿט איר מער ? מײַן אייגן ווײַב האָט מיך אויסגעלאַכט, פֿאַרפֿירט אַ ליבעכץ מיט אַ פֿליִער איינעם – די ווייפֿלטע ? באַלד. בײַ מיר איז אַלץ רעגיסטרירט. *נעמט אַרויס פֿון וועסטל-קעשענע אַ נאָטיץ-ביכל, זוכט* די איצטיקע איז... וועט זײַן... יעס... נומער 1371... מײַן ווײַב איז געווען אַ חיה מיט צוויי פֿיס, אָבער מיט 1371 ליבעס... אַלזאָ, דאָס מײַניקע האָב איך געטאָן, איך האָב זי געוואָרנט, איך האָב זיי געוואָרנט – נישט זי האָט מיך געהערט און נישט זיי. איר אָבער, האָף איך, וועט מיך יאָ דערהערן. איך, דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן, ווייס  מער ווי דרײַ טעג האַלטן אַזעלכע זאַכן נישט אָן.

**קולות.** פֿון וואַנען ווייסטו, מענטש ?

**דזשייקאָבסאָן.** אַ גײַסט בלײַבט אַ גײַסט. איר זענט, עקסקיוז מי, זייער נאַיִו. די מאָרד-טעכניק איז דאָרט אויבן אַזוי אַנטוויקלט די לעצטע פּאָר יאָר, אַז מער ווי דרײַ טעג קאָן אַ וועלט-מלחמה נישט אָנ-האַלטן. פֿאַרשטאַנען ? דאָס האָט מען אויסגערעכנט. ציפֿערן זאָגן קיין ליגן נישט. *איבערגאַנג פֿון גע-שעפּטלעכער לעבהאַפֿטיקײַט צו טיפֿן טרויער* און איידער איר וועט זיך אומקוקן, ווערטע גײַסטער, וועט שטיל ווערן. האָט קיין מורא נישט. איר וועט ווײַטער קאָנען אָנגיין מיט אײַער געזאַנג-פּראָדוקציע. קיין מענטשן וועט מער נישט זײַן. נעווער מײַנד ! דאָס ערדל וועט אויסגעליידיקט ווערן. שטיל – טויט – ליידיקע שוואַרצע ערד – אַ ריזיקער שוואַרצער נעקראָלאָג –

**וואַסערהאַר.** ביסטו זיכער ?

**דזשייקאָבסאָן.** *צעטראָגן* יעס, סער. בלויז דאָ און דאָרט – פֿײַערצינגער. לעצטע פֿײַערן נאָך אַ שׂרפֿה. חוץ דעם שטיל – קאָלאָסאַלע שטילקייט – אַן אָפּגעשטאָרבענע פּעקטאָרי – די טראַנסמיסיעס צעריסן – די

אַרבעטער טויט – *צעוויינט זיך.*

**גײַסטער.** געקומען מענטש – געקומען געוויין.

**וואַסערהאַר.** *גערירט* וויינסט ?

**דזשייקאָבסאָן.** עקסקיוז מי.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *שאָקלט מיטן קאָפּ* פֿאַרשאָלטענער שטאַם !

**קולות.** ער וויינט, ווײַל ער בלײַבט אָן ברידער ! איין מענטשנזון !

**וואַסערהאַר.** *רחמנותדיק* זאָלסט נישט וויינען, מענטש. ווי איינער פֿון אונדז זאָלסטו ווערן, מיט אונדז אין די וואַסערן ווינען – ס'וועט דיר גליק באַשערט זײַן – זאָלסט זיך נאָר אויסלערנען זינגען –

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *כּעסדיק* דער האַר טוט שלעכט. מ'דאַרף אים נישט דאָ.

**דזשייקאָבסאָן.** *ווישט די טרערן* זינגען ? יעס. איך מיין אויך אַזוי. בעסער זינגען איידער וויינען. *פּויזע* איך וועל מיך, האָף איך, אויסלערנען. ווי לאַנג קאָן אַזאַ קורס נעמען ? איך מיין, נישט מער ווי אַ יאָר, און בײַ גוטע פֿעיִקייטן – אַ האַלב יאָר –

**וואַסערהאַר.** *מיט פֿאָרוווּרף* געזאַנג איז אייביקייט. עס ווערט נישט געמאָסטן מיט מענטשנצײַט. *פּויזע.*

**דזשייקאָבסאָן.** אָט דאָס זענען די פֿאָלגן פֿון שלעכטער ווירטשאַפֿט ! אָט וואָס עס מיינט – באַגיין מיס-ברויכן אין אַ געשעפֿט ! *צום וואַסערהאַר* וועל. איך ווער איינער פֿון אײַך. איך לערן מיך אויס אי זינגען, אי שווימען. שווימען איז אַ ספּאָרט און זינגען – אַ קונסט. דאָס מיינט, אַז איך, דזשייקאָב-סאָן, דאַרף ווערן אי קינסטלער, אי ספּאָרטסמאַן. געוויס וואָלט איך ליבערשט געבליבן ניו-יאָרקער קנעפּלעך-קעניג. נאָר אַז אין מיטן געשעפט אַ מענטשן-אונטערגאַנג – וואָס קאָן איך מיר העלפֿן ? איך בין דאָך אַ ייִד – וועל איך מיך אַסימילירן. כ'בין גרייט אָנצונעמען אײַער וואַסער-קולטור – אָלרײַט. *פֿון אויבן פֿאַלט אין וואַסער – ווי אַ ריזיקע פֿילפֿליגלדיקע חיה – אַ קריגס-אַעראָפּלאַן. בהלה צווישן די גײַסטער.*

**דזשייקאָבסאָן.** *לויפֿט צו* אַ לופֿט-מאַשינדל, הערן גײַסטער !

**גײַסטער.** וויי !

**דזשייקאָבסאָן.** קיין לעבעדיקע זיצן דאָ נישט –

**וואַסערהאַר.** נאָר – ?

**דזשייקאָבסאָן.** גאָרנישט – מתים צוויי – אַ מאַן מיט אַן אַנטימאַן – מיט אַ פֿרוי מיין איך – *גײַסטער, שווין צו זיך געקומען, דערנענטערן זיך צום אַעראָפּלאַן, באַטראַכטן די טויטן-קערפּערס.*

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *מיט עקל* אַזוי שטאַרבן זיי, די צווייפֿיסיקע טכוירן !

**וואַסערהאַר.** מערן טומל און פילדערניש, וואַרפֿן אַן אימה אָן אויף אַלץ, וואָס לעבט, פֿליִען אַזוי הויך, אַז זונען שרעקן זיך פֿאַר זיי, און – אַזוי הויך ווי זיי פֿליִען – אַזוי טיף פֿאַלן זיי, די עלנטע חיות !

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *פֿײַערלעך* דאָס איז דער סוף, ווען אַ באַשעפֿעניש, צום קריכן באַשטימט, וויל נאָכ-מאַכן די פֿייגל און די גײַסטער.

**דזשייקאָבסאָן.** *וועלכער האָט פֿאַר דער צײַט זיך נאָענט צוגעקוקט צו די קערפּערס, ווערט אויף אַ מאָל בלייך, באַקומט*

*ציטערניש אין הענט-און-פֿיס. ער שפּאַרט זיך אָן אָנעם אַקסל פֿון אַלטן וואַסערגײַסט, נישט אומצופֿאַלן.*

**גײַסטער.** וואָס איז דיר ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** נעם צו די הענט פֿון מיר. פֿײַנט האָב איך מענטשנהענט. עס שטינקט פֿון זיי פֿלייש.

**דזשייקאָבסאָן.** *איבערן טויטן קערפּער פֿון דער פֿרוי* קנאַפּ מיט דיר אַרײַנגעטענהט, לוסי ?

**וואַסערהאַר.** ווער איז די פֿרוי ?

**דזשייקאָבסאָן.** *מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ* סער, מײַן געוועזן ווײַב !

**וואַסערהאַר.** ס'טוט דיר ווײ איר טויט ?

**דזשייקאָבסאָן.** יעס, מיר טוט ווײ, ווײַל איך בין אַ דזשענטלמען.

**וואַסערהאַר.** וואָס איז דאָס אַזוינס ?

**דזשייקאָבסאָן.** סער, אַ דזשענטלמען דאָס איז אַ גרויסמוטיקער מאַן, וואָס פֿאַרשטייט, אַז זײַן פֿרוי האָט רעכט אים צו פֿאַרראַטן. איר אָבער וואָלט מײַן טויט נישט ווי געטאָן, סער. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זי איז געווען אַ פּרויענצימער. *פֿאַרצווייפֿלונג, שטילשווײַגן.*

**וואַסערהאַר.** *מיט פֿאָרוואורף* ניין, איך זע נישט אַזוי לײַכט קאָנסטו גלײַך ווערן צו אונדז. גײַסטער, מענטש, ווייסן נישט פֿון טרויער, ווייסן נישט פֿון טויט, ווייסן נישט פֿון פֿרויען.

**דזשייקאָבסאָן.** *פֿלוצלינגע התפּעלות* מערקווירדיק ! ס'איז דאָך אַזוי פּראַקטיש ! ס'איז דאָך אַזוי באַקוועם ! ווייסט איר דען, מײַנע הערשאַפֿטן, וואָס פֿאַר אַ גליקלעכע מענטשן איר זענט – כ'מיין, וואָס פֿאַר אַ גליקלעכע וואַסער-שווימער ? *ווידער – אויסבראָך פֿון פֿאַרצווייפֿלונג* לוסי, לוסי ! וויפֿל גוטע, פֿרישע, אומגעפֿעלשטע דאָלאַרן האָט מיך אָפּגעקאָסט דײַן שלעכטע, געפֿעלשטע און אומפֿרישע ליבע ! וויפֿל געלט האָסטו קאַליע געמאַכט אויף פֿאַרפֿום אַליין ! בײַ מיר האָסטו אויסגענאַרט געלט, בײַם עולם – אַפּלאָדיסמענטן, און איך בײַ דיר האָב געמוזט אויסנאַרן לײַב !

לוסי, לוסי, מ'זאָל אונטערציִען אַ לעצטן בילאַנס – וועט בלײַבן אַ ריזיקע מאַנקאָ. האָסט דײַן לײַב-און-לעבן פֿאַרפֿושט אַזוי, ווי נאָר אַ נאַריש פּרויענצימער קאָן פֿאַרפֿושן. דאָס האַרץ טוט מיר ווײ אויף דיר, לוסי. האָסט מיך טויזנט דרײַ הונדערט און זיבעציק מאָל פֿאַרראַטן – דאָס האָב איך דיר פֿאַר אומגוט נישט גענומען, לוסי. איך בין אַ ביזנעסמאַן. און ווען איך האָב דיך געקויפֿט פֿאַר אַ ווײַב – האָב איך באַלד געוווּסט, אַז איך וועל זיך מוזן טיילן מיט אַנדערע, ווײַל אַ ווײַב איז נישט קיין פּריוואַטזאַך, נאָר אַ סאָציאַלע, מ'קאָן זאָגן פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע. אָבער פֿאַרראַטן דאַרף מען מיט אַ מאָס און מיט געשעפֿטלעכער אויסרעכענונג, לוסי. וואָלטסטו נישט געווען אַזאַ פֿושערקע – וואָלטסטו מיך צום טויזנט דרײַ הונדערט איין און זיבעציקסטן מאָל פֿאַרראַטן נישט מיט אַ לופֿט-פֿליִער, נאָר מיט אַ וואַסערגײַסט. דעמאָלט וואָלטסטו לעבן געבליבן, לוסי, ווי איך – און וואָלטסט דײַנע יאָרן נישט פֿאַרשפּילט. איצט ביסטו טויט. דײַנע ליפּן זענען טויט. דײַנע הענט זענען טויט, דײַנע האָר זענען טויט. דײַן לײַב איז מער קיין סענט נישט ווערט, לוסי. און דײַן זינגען איז אַנטשטומט, און די וועלט גייט צו גרונט, ווי דו, און דײַן מעטראָפּאָליטאַן-אָפּערע איז שוין געוויס פֿון דער ערד אָפּגעמעקט, פּונקט ווי מײַן קנעפּפֿאַבריק.

*דערקענט אין צווייטן טויטן קערפּער דעם פּילאָט.*

מיסטער פּילאָט ? גוד מאָרנינג ! גערעכט געווען דזשייקאָבסאָן, וואָס ? אַ רחמנות אויף דיר, ווען. נאָר וואָלטסטו באַצײַטנס רחמנות געהאַט אויף זיך – וואָלט איצט דזשייקאָבסאָן פֿאַרשפּאָרט אויף דיר רחמנות

צו האָבן. מײַן געוויסן איז ריין אויף הונדערט פּראָצענט. איך האָב אײַך אַלע געוואָרנט, פּילאָט. אַלע ! *צו די גײַסטער.*

איך האָב, ווי איר זעט, מספּיד געווען מײַן פֿרוי. עקסקיוז מי. איך האָב נאָך אין זיך מענטשלעכע שוואַכקייטן. אַ פֿרוי איז בײַ מיר אַפֿילו נאָכן טויט אַ ביזנעס. אָ, איר, וואָס באַשטייט פֿון גײַסט און וואַסער, איר, וואָס האָט קיין מאָל נישט געהאַט נישט קיין ווײַבער און נישט קיין פֿאַבריקן, – אײַך איז דאָס שווער צו פֿאַרשטיין. *געשרייען, שראַפּנעלן-פֿײַף, גאַז-געשטאַנק. אויבן ווײַזט זיך אַן אונטערוואַסער-שיף – אַ רויט פֿליִענדיק געשפּענסט.*

**וואַסערהאַר.** *פֿאַרציטערט* צו מיר אין באַהעלטעניש געקומען ! צו מיר אין באַהעלטעניש !

**דזשייקאָבסאָן.** רויִק ! אויך דאָס איז גאָרנישט. נעמט אַרויס אַ זייגער. אַ מינוט, ווייניקסטנס, דאַרף נעמען, די שיף זאָל קאָנען לאַנדן – און אין אַ מינוט צײַט – יעס – וועלן זיי איינס דאָס אַנדערע גרינטלעך אונטערקוילענען. *אַ מאַך מיט דער האַנט* עט ! פֿון וואָס גײַסטער מאַכן אַ וועזן ! *אויבן אויף דער שיף ראַנגלען זיך געשטאַלטן אין גאַזמאַסקעס ; עס וואַרפֿן זיך פֿײַער-רויטע, בלוט-באַפֿלעקטע הענט.*

**קולות פֿון דער שיף.**

– מענטשן ! סאָלדאַטן !
– קוילעט די שׂונאים, נישט זיך !
– משוגע ! ווער איז פֿײַנד, ווער – נישט ?
– לאַנג דעם חשבון פֿאַרלוירן !
– פֿון הונגער שטאַרבן מיר !
– פֿון דאָרשט !
– פֿון אומגליק !
– פֿון גאַז !
– עסט איינער דעם צווייטנס פֿלייש !
– נישטאָ קיין ברירה ! גערעכט !
– די לעצטע זע'מיר, די לעצטע !
– אַ טויט אונדז !
– גאַז אהער !
– גאַז ! וואָס מער גאַז !
– רײַסט אויף די שיף !
– קיין גאָט סײַ-ווי נישטאָ !
– זאָלן קיין מענטשן אויך נישט זײַן !

*טומל און טויט-געשרייען. אויף דער שיף לויפֿט אַלץ, פֿאַלט, באַפֿאַלט, טרעט, ווערט געטרעטן, קומט אום. די שיף ווערט פֿון אינעווייניק אויפֿגעריסן. גײַסטער, מיטן האַר בראָש, צעלויפֿן זיך אין אימה. דונערן טראָגן זיך איבער די וואַסערן. אין מיטן דעם בלוטיקן פֿינצטערניש, ווי שוואַרצע פֿאַרווונדעטע פֿייגל, שווימען גאַזמאַסקעס. איין דזשייקאָבסאָן בלײַבט אויף אַן אָרט.*

**דזשייקאָבסאָן.** די גײַסטער, זע איך, האָבן שוואַכע נערוון. וואָלטן זיי מענטשן געווען – אָ, וואָלטן זיי נישט געווען אַזוי איידל געפּאַטשקעט. וואָס איז דער מענטש ? שוואַרץ-אַרבעטער גאָטס ! קלאָזעט-ריייניקער ! און איצט – זיך אַליין אויסגערייניקט ! אויסגעקערט ! נישטאָ ! *פּויזע* מײַסטערהאַפֿט ! גראַנדיעזע שחיטה ! קנאַלנדער עפֿעקט ! ווונדערבאַרע מאָרד-טעכניק ! די טויט-טעכניק האָבן זיי גרינטלעך

באַהערשט, די מענטשן, בלויז די לעבנס-טעכניק האָט אַ ביסל נישט געטויגט. *לויפֿט אַרום צעטראָגן, נישטערט, געפֿינט צווישן די גאַזמאַסקעס אַ פּאָר פֿאַרבלוטיקטע צײַטונגען* העלאָ, וואָס הערט זיך ? שוין לאַנג נישט געזען די פּרעסע ! *טוט אָן די ברילן, לייענט :*

שולדיק אינעם אונטערגאַנג פֿון דער מענטשהייט זענען צווייערליי סאָרטן איבערפּראָדוקציע איבערפּראָדוקציע פֿון לעבעדיקן מענטשן-מאַטעריאַל און איבערפּראָדוקציע פֿון קריגס-מאַטעריאַל ! די איבערפּראָדוקציע פֿון לעבן האָט אַרויסגערופֿן אַן איבערפּראָדוקציע פֿון טויט... *פּויזע* וואָס ? גאַנץ ענגלאַנד – ווערט דערשטיקט... העלאָ... גאַנץ רוסלאַנד – פֿאַרברענט... הערסט, דזשייקאָב-סאָן ? נאָך אַ טאָג – צוויי – און – גאַנץ אַמעריקע – *האַקט אָפּ, גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן* מײַן קאַלקו-לאַציע ! *שלײַדערט אַוועק די צײַטונגען, לויפֿט משוגענערווײַז הין און צוריק, פּלוצלינג* אָבער גאָט ? וואָס טראַכט איצט גאָט ? *בלוט צעשווימט, וואַסער-העלקייט שטאַרקט זיך, רויך צעגייט ביסלעכווײַז – ס'ווערט ליכטיק און ליכטי-קער. אָפּגרונט-שטראָמען טראָגן אַוועק דאָס שוואַרצוואַרג, רויטוואַרג, בראָכוואַרג.*

**דזשייקאָבסאָן.** העלאָ, גײַסטער ! זיך אומזיסט געשראָקן ! די פּרעסע שרײַבט... *טײַטלט אויף די טויטן-קער-פּערס, וואָס שווימען מיטן וואַסער* פֿאַר וועמען האָט איר מורא ? פֿאַר טויטע, וואָס דאָס וואַסער פֿאַר-טראָגט ? *שרײַט* מיסטער וואַסער-פּרעזידענט ! גײַסטער ! העלאָ !

**וואַסערגײַסטער.** *שטעקן אַרויס פֿון דאָ און דאָרט דערשראָקענע פּנימער.*

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *טײַטלט אויף דזשייקאָבסאָנען* האָבן נישט די מענטשן פֿון אויבן אים אַהערגעשיקט, ער זאָל דערגיין די סודות אונדזערע און אונדז אַרויסגעבן ? זײַנע ברידער די מערדער –

**דזשייקאָבסאָן.** זײַט נישט קיין נאַר, מײַנע ברידער די מערדער האָבן פֿאַרגעניגן נאָר פֿון הרגענען זייערס גלײַכן. וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן קאָן אַ מענטש האָבן פֿון הרגענען גײַסטער ? *צו די איבעריקע* ווו איז דער פּרעזידענט ?

**אַ וואַסערגײַסט.** מיר האָבן דעם האַר פֿאַרבאָרגן. ערשט דאַן וועט ער אַרויס, ווען שטילקייט וועט קומען, ווען די ערד וועט אָן מענטשן בלײַבן –

**דזשייקאָבסאָן.** געדולד ! צו דרײַ טעג איז עס געענדיקט. *זעצט זיך אויף אַ קאָראַלן-קישן* אָט האָב איך לעצטע נײַעס... וועדליק די ערדישע פּרעסע שרײַבט –

**אַלטער וואַסערגײַסט.** פּרע--סע ? וואָס דאַרף דאָס באַטײַטן ?

**דזשייקאָבסאָן.** קיין מאָל וועט עס אַ גײַסט נישט באַגרײַפֿן. דאָס איז אַזאַ – ווי גיט מען דאָס צו פֿאַרשטיין – אינטערנאַציאָנאַלע זונה !

**אַלטער וואַסערגײַסט.** זו--נה ? וואָס הייסט דאָס ?

**דזשייקאָבסאָן.** אָ, דאָס וועט איר שוין געוויס נישט פֿאַרשטיין. איר זענט, עקסקיוז מי, אַ גײַסט און איר האָט נישט קיין געניטאַליען. אַ זונה דאָס איז אַזאַ סאָרט פֿרוי, וואָס... *קוקט זיך אום* איבעריקנס, אָט דאָ נישט ווײַט ליגט מײַן געליבט ווײַב לוסי. און וואָלט איך איצט נישט געווען אין טרויער נאָך איר – וואָלט איך געזאָגט, אַז זי איז אַ לעבעדיקע, ניין, אַ טויטע אילוסטראַציע פֿון דעם דאָזיקן באַגריף. דאָס איז נישט דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען ערגער פֿון אַנדערע פֿרויען, אָ ניין ! די לעצטע יאָרן פֿאַרן אונטערגאַנג פֿון דער מענטשהייט זענען אַלע געווען אַזעלכע ווי לוסי.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** אונטערגאַנג פֿון דער מענטשהייט ! אָבער ווען געשעט דאָס ? ווען הערן שוין אויף

דײַנע ברידער די מערדער אונדזער וואַסער-רײנקײט צו פֿאַרפּלײצן מיט דעם רויטן קלעפּיקן זאַפֿט פֿון זײערע עיפּושדיקע לײַבער ?

**דזשײקאָבסאָן.** געדולד, – האָב איך געזאָגט. אײנס-צװײ-דרײַ – און שטיל װעט זײַן. *עלעגיש* איר װעט אַראָפּשװענקען דאָס מענטשנבלוט, װאָס איז צו הײס געװען, איר גײַסטער, עס זאָל קאָנען זיך אײַנ-האַלטן אין די געפּעסן און נישט אַרױסשפּריצן פֿון די אָדערן און נישט צעשפּרונגען װערן איבער ים און יבשה ! און נאָר אײנער װעט בלײַבן, אַן אײן-און-אײנציקער, װאָס װעט זײַן מענטשלעכקײט פֿאַרלײקענען מיסטער דזשײקאָב דזשײקאָבסאָן, ייִד, געװעזענער אַמעריקאַנער, איצט – ים-אַסימי-לאַטאָר.

**אַלטער װאַסערגײַסט.** װי זאָגסטו ? אַ--סי--מי--

**דזשײקאָבסאָן.** אַסימילאַטאָר ! אַזױ הײסט אַ מענטש, װאָס מישט זיך אױס מיט זײַן סבֿיבֿה און פֿאַרלײקנט זײַן אָפּשטאַמונג. דאָס מײנט צו זאָגן, אַז איך, דזשײקאָבסאָן, װי איך האָב פֿריִער זיך אַסימילירט מיט די יענקיס, װעל איצט, אַלס לעצטער מענטש, זיך אַסימילירן מיט אײַך, קאַלטע װאַסער-פֿאַרשװינען, און װערן אַ װאַסערדיקער. פֿאַרשטאַנען ? אַלץ קאָן אַ ייִד זיך אױסלערנען. פֿאַר װאָס זאָל ער זיך נישט אױסלערנען צו זײַן אַ גײַסט ?

**אַלטער װאַסערגײַסט.** װער דאַרף דיך ?

**דזשײקאָבסאָן.** *טרױעריק* איר דערמאָנט מיך אָן לוסין. זי פֿלעגט אױך אַזױ פֿרעגן.

**אַלטער װאַסערגײַסט.** װעלן מער קײן מענטשן אױף דער ערד נישט בלײַבן – גײ, װער דער אײנציקער מענטש אױף דער ערד ! פֿאַר װאָס זאָלסטו עס זײַן אין ים ? מיר װילן דיך נישט.

**דזשײקאָבסאָן.** איר זענט, עקסקיוז מי, אַן אַנטיסעמיט.

**אַלטער װאַסערגײַסט.** װי ? אַנ--טי--סע--

**דזשײקאָבסאָן.** אַנטיסעמיט ! דאָס איז אַזאַ רשע, װאָס דערלאָזט נישט, אַז ייִדן זאָלן זיך אַסימילירן.

**אַלטער װאַסערגײַסט.** אױסטערלישע רײד לאָזסטו הערן. מיר װילן די װאַסערן פֿאַר זיך. אַן ערדישער ביסטו.

**דזשײקאָבסאָן.** און איר זײַט אַ װאַסער-שאָװיניסט ! זאָל איך מיך צוליב אײַער שאָװיניזם לאָזן אַרױס-װאַרפֿן אױף דער װיסטער, פּוסטער, געשטאָרבענער ערד ? אַזױ מײנט איר ? נעװער מײַנד ! איך בין פּונקט אַזאַ װאַסער-יחסן װי איר אַלע !

**װאַסערגײַסט.** װי זאָלסטו װערן װאַסערגײַסט, װען אין דײַנע אָדערן לױפֿט יענע רױטע בײזע מענטשן-פֿליסיקײט ?

**דזשײקאָבסאָן.** מענטשן-פֿליסיקײט ? נישט ריכטיק, סער ! אין מײַנע אָדערן פֿליסט װאַסער נישט פֿון נעכטן ! איך דערמאָן מיך איצט, אַז מײַנס אַן עלטער-זײדע האָט װאַסער געהאַט אין קאָפּ ! און מײַנע אַ מומע האָט װאַסער געהאַט אין בױך ! איך װעל אײַך אױפֿװײַזן, אַז אײגנטלעך שטאַם איך אָפּ פֿון װאַסערגײַסטער, יעס ! געהאַט אַפֿילו אַ װאַסער-מעטריקע. נאָר אױף דער שיף, װען איך האָב מיך ראַטעװען געדאַרפֿט, האָב איך זי פֿאַרגעסן !

**קולות פֿון גײַסטער.** פֿאַלשקײט רעדט ער !
מענטש איז מענטש !

**דזשייקאָבסאָן.** וואַס פֿאַר אַ מענטש בין איך אײַך ? אַפֿילו אין ניו-יאָרק בין איך אויך געווען אַ מיליאָנער, נישט קיין מענטש !

**אַלטער וואַסערגײַסט.** גײַסטער ! גאָר אין גיכן, זאָגט ער, ווערט וואַסער ווידער וואַסער און ס׳בלײַבט נישט אויסער אים קיין איינציק מענטשנקינד. אויב דאָס איז אמת – איז דאָס גוט. איז דאָס זייער גוט. מיט אַ גרויסן בלויען ים-בעזעם וועלן מיר די וואַסער רוימען, אַ הייליקע וואַסער-שׂימחה מאַכן, דעם טראָן אונדזער האַרס מיט פֿרישע פֿישאויגן אויסזעצן, און זינגען, ווי פֿריִער, און זינגען – און זינגען –

**אַלע.** און זינגען ווי פֿריִער – און זינגען – און זינגען –

**דזשייקאָבסאָן.** *אונטערנעמעריש* אָלרײַט ! און איך וועל אויסאַרבעטן דעם פּראָגראַם פֿון די וואַסער-פֿײַערונ-גען. מײַן ווײַב, פֿאַרגעסט נישט, איז געווען אָפּערן-זינגערין – האָב איך מיך צוגעקוקט, יעס, ווי מ׳שטעלט צונויף געזאַנג-פּראָגראַמען. איך אַליין קאָן פֿאָרלויפֿיק נישט זינגען – וועל – אָבער אַ מבֿין אויף זינגעכץ בין איך. *היציק* ערשטנס, צוליב מײַן ווײַב, צווייטנס, ווײַל מײַנס אַן עלטער-פֿעטער פֿון דער מאַמעס צד איז געווען אַ חזן אין רײַשע !

**אַלטער וואַסערגײַסט.** דיך וועט מען אויך אויסקערן, ברודיקער. די ערד באַדאַרף דיך.

**דזשייקאָבסאָן.** *צעטומלט* וואָס ערד ? ווען ערד ? איר ווייסט וואָס איר רעדט ? וואָס וועל איך דאָרט מאַכן ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** דאָס ווייס איך נישט.

**דזשייקאָבסאָן.** *בלייך* אַנטיסעמיטן ! אין וואַסער ווױן איך – אין וואַסער בלײַב איך ! און אויף דר׳ערד – וואָס טו איך איצט אויף דער ערד ? *ווייטיקדיק* נישט קיין גויקע, נישט קיין ביזנעס, נישט קיין פּרעזי-דענט-וואַלן, נישט קיין צײַטונג צום ליינען, גאָרנישט ! *פּויזע* דאָ, אין אײַער וואסער-קעסל, קאָן איך מיט מײַן איניציאַטיוו עפּעס אויפֿטון !

**אַלטער וואַסערגײַסט.** גייסט אונדז די וואַסערן פֿאַרמענטשלעכן ?

**דזשייקאָבסאָן.** אויבן פֿלעגט מען טענהן  דזשייקאָבסאָן פֿאַרייִדישט די קנעפּלעך-אינדוסטריע ; דאָ ציטערט מען, איך זאָל די וואַסערן נישט פֿאַרמענטשלעכן ! שוויַינעריַי ! דאַכט זיך גײַסטער – און אַזעלכע חזירים !

**אַלטער וואַסערגײַסט.** מיר דאַרפֿן נישט דײַן מענטשן-קלוגשאַפֿט.

**דזשייקאָבסאָן.** איך וויל דען, איר זאָלט ווערן אַזוי קלוג ווי איך ? איך וויל דאָך גאָר ווערן אַזוי נאַריש ווי איר ! קיין נאַר טאָר איך שוין אויך נישט ווערן ? מײַן רעכט אויף אַסימילאַציע פֿאָדער איך ! פֿאַר אָט דעם רעכט וועל איך קעמפֿן ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט –

**אַלטער וואַסערגײַסט.** דאָס איז דער מענטש ! דער ליגנער ! האָסט דען נישט ערשט געזאָגט, אַז דו האָסט קיין בלוט נישט אין דײַנע אָדערן ?

**דזשייקאָבסאָן.** ווי האָב איך געזאָגט ? בלוט ? נעוועער מײַנד ! דאָס איז געווען אַ דרוקפֿעלער ! איך האָב געזאָגט און איך זאָג  פֿאַר מײַן רעכט אויף אַסימילאַציע וועל איך קעמפֿן ביז צום לעצטן טראָפּן ים-וואַסער ! איר הערט ? ביז צום לעצטן טראָפּן וואַ – סער ! *פֿאַרקאַשערט די אַרבל, וואַרפֿט זיך אויפֿן אַלטן וואַסערגײַסט. גרייט צו גיין מיט אים אויף אַ באָקס.*

*פֿאָרהאַנג שנעל*

# דריטער אַקט

*חנעוודיקע גײַסטער־ייִנגלעך האַלטן וואַך בײַם וואַסערהאַרס טראָן. אין אַ פֿרישגעצוואָגן העמד זיצט דער וואַסערהאַר, די הענט געהויבן צו אַ שטום געבעט. דאָס וואַסערפֿאָלק קניט. ווען דער האַר ענדיקט – שטייט דאָס וואַסערפֿאָלק אויף און זינגט אַ רוישיק דאַנקגעזאַנג.*
*דזשייקאָבסאָן – אין הינטערגרונט – שלאָפֿט, די פֿיס אויסגעצויגן, דעם קאָפּ אויף אַ קליין קאָראַלן־קישעלע. ער שנאָרכט הויך.*

**אַ גײַסט.** *קומט צו גיין פֿון אָקעאַן, בייגט זיך פֿאַרן וואַסערהאַר דרײַ מאָל, דער וואַסערהאַר גיט אַ סיגנאַל. ס'ווערט שטיל. דער גײַסט שלעפּט פֿון וואַסערהעמד אַפֿיר אַ גרויסע בליצנדיקע פּערלשנור.*

**וואַסערהאַר.** וואָס טראָגן דײַנע הענט ?

**גײַסט.** דיר אַ מתּנה, גרויסער האַר, אַ פּערלשנור.

**וואַסערהאַר.** עס האָבן מײַנע אויגן נישט איין וווּנדער אָנגעקוקט. נישט איין פּראַכטפּערל, אין ים־גרונט געבוירן, נישט איין שטיק ליכטיקייט, וואָס פֿאַרבלענדט די פֿינצטערסטע וואַסער־טיפֿקייטן. אַזוינס האָב איך ביז איצט נישט אָנגעזען. עס בליצט נישט קיין שום בליץ ווי אָט די פּערלשנור.

**גײַסט.** געפֿונען אין געהיימסטן ים־גראָז־ווינקל. ס'האָט מיר ווי טרערן אַ לײַכט געטון. בין איך נענטער צו – פֿאַרלאָשן געוואָרן. זיי האָבן שפּאַס געטריבן, די פּערל, אָפּנאַרן געוואָלט. נאָך נענטער צו – זיי האָבן אויפֿגעשמייכלט ! כ'האָב אין האַנט זיי גענומען – ווי יונגע לבֿנות האָבן זיי אויפֿגעשײַנט און מיך מיט ליכט באַשפּריצט. אויף אַ שנור האָב איך זיי אָנגעצויגן, גאָטס נאָמען געלויבט – און מיט דעם געשאַנק קום איך צו מײַן האַר. *טראָגט צו מיט אַכפּערונג דאָס געשאַנק. וואַסערהאַר נעמט עס אין האַנט, שפּילט דערמיט און פֿרייט זיך. גײַסטער, פֿון גרויס נחת, לאַכן ווי קינדער.*

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *גליקלעך* אַלע ים־קאַמערן קען איך, בין אַן אַלטער גײַסט, נאָר אַ פּערלשנור אַזאַ – נישט געזען. געשטילט האָט זיך ס'גיהנום אויף דער ערד, נישטאָ קיין רושטערער מער, טויט אַלע געזאַנג־שטערער, מענטשנשיפֿן גייען נישט מער דורך די וואַסערן, און צום צייכן פֿון פֿרידן איז אונדז די פּערלשנור באַשערט – ווי פּערל זאָלן לײַכטן די העמדער אויף אונדז, אין ליכטיקייט לאָמיר אומגיין !

**אַלע.** אין ליכטיקייט לאָמיר אומגיין ! *שטיל, פֿײַערלעך געזאַנג.*

**קולות.** ער איינער לאָזט נישט זינגען. *דזשייקאָבסאָן שנאָרכט אַזוי הויך, אַז דאָס געזאַנג ווערט איבערגעריסן.*

**אַלטער וואַסערגײַסט.** האַר, מיר מוזן אים אַרויסוואַרפֿן.

**קולות.** פֿאַרטרײַבן !

**וואַסערהאַר.** באַקלערט ס'איז דער לעצטער מענטש. ווער איר אַרויסטרײַבן דעם לעצטן ?

**קולות.** אַהין זאָל ער גיין, פֿון וואַנען ער קומט.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** נישט ליכטיק איז ער. און נישט רויִק. ער האָט אויך ליב צו שלאָפֿן און הויך צו שנאָרכן. ער שטערט. *דזשייקאָבסאָן שנאָרכט נאָך העכער.*

**סנסיני דער מלאַך.** *ווײַזט זיך איבער די וואַסערן. פֿליט אַרונטער, בלײַבט שטיין קעגנאיבער דעם וואַסערהאַרס טראָן, שאָרכט מיט צוויי לאַנגע פֿליגלען. איבערראַשונג.*

**וואַסערהאַר.** ווער ביסטו און וואָס איז דײַן ווילן ?

**סנסיני.** *גיט שלום דעם וואַסערהאַר מיטן רעכטן פֿליגל* איך בין דער מלאך סנסיני. בײַ דיר אין די וואַסערן וווינט דער לעצטער מענטש.

**וואַסערהאַר.** ער וווינט.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *מיט פֿאַראַכטונג* אָט דאָרט שנאָרכט ער. *וואַסערגײַסטער לאַכן.*

**סנסיני.** נישט לאַכט, איר גײַסטער, פֿון דעם לעצטן מענטש. ער ווערט צום ערשטן. איך בין געשיקט, אים פֿון די וואַסערן אַפּערצונעמען און מאַכן אים צום נײַעם אָדם.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *דערפֿרייט* דאָס איז גוט. דאָס איז זייער גוט. מיר וועלן דיר אַרויסהעלפֿן. מיר דאַרפֿן דאָ דעם מענטש נישט האָבן. האָט אונדז די וואַסערן פֿאַרמענטשט, אונדזער זינגען פֿאַרשנאָרכט –

**קולות.** מלאך, נעם אים צו ! נעם אים צו, סנסיני !

**סנסיני.** מיר איז באַפֿוילן, דעם לעצטן מענטש אויפֿצוזוכן און אים צו באַזעצן אין אַ נײַעם גן-עדן, פֿאַר אים געשאַפֿן. פֿון אים זאָל אַ נײַע מענטשנוועלט זיך אָנהייבן, וואָרן איר ווייסט דאָך די פֿריִערדיקע איז אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען.

**וואַסערהאַר.** אַז גאָט הייסט – גיב איך אים אַרויס. איינס מוז איך דיר זאָגן קיין פֿײַנד, ווי זיי אַלע, בין איך אים נישט. גרויס רחמנות האָט מײַן האַרץ אויף אים. איך האָב פֿון טויט אים געראַטעוועט און איך געדענק, ווי שרעקלעך ער האָט אויסגעזען אויף דער שיף, ווען כ'האָב ס'ערשטע מאָל אים דערזען.

**סנסיני.** אַז דו האָסט אים געראַטעוועט – דאָס ווייס איך. און ווויל האָסטו געטון. וואָלט אויך דער דאָזיקער אומגעקומען – וואָלט שלעכט געווען. ער איז דער מוסטער און מיר מוזן אים האָבן.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *לויפֿט צו צו דזשייקאָבסאָנען, גיט אויף אים אַ שפּריץ מיט וואַסער, שרײַט אים אין אויער* מענטש, שטיי אויף ! געגאַנגען ! זיי מוזן דיך האָבן ! גאָט האָט געשיקט נאָך דיר !

**גײַסטער.** *לאַכן.*

**דזשייקאָבסאָן.** *וועקט זיך.*

**אַלטער וואַסערגײַסט.** גאָט האָט געשיקט נאָך דיר !

**דזשייקאָבסאָן.** *ווישט די אויגן* גאָט ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** זעסט נישט ? אַ מלאך ! *טײַטלט אויף סנסינין.*

**סנסיני.** ביסטו דער לעצטער מענטש ?

**דזשייקאָבסאָן.** *איבערראַשט* וואָס הייסט עפּעס – דער לעצטער מענטש ? לאָמיר זאָגן, אַז אַ מאָל בין איך געווען, ווי רופֿט מען דאָס, אַ מענטש. נו, אָבער איצט – וועל, איצט – בין איך אַ וואַסערגײַסט –

**סנסיני.** ביסט נישט. אַ העכערער גורל איז דיר באַשערט. דער לעצטער מענטש זאָל צום ערשטן ווערן. מיר איז באַפֿוילן דיך אַרויסצוציִען פֿון די אָפּגרונטן און דיך צו באַזעצן אויף דר'ערד אין אַ נײַעם גן-עדן. פֿון דיר זאָל אַ נײַע מענטשנוועלט אַרויס.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** מערן זאָלסטו פֿלייש, מערן זאָלסטו מיסט.

**דזשייקאָבסאָן.** מוחל.

**סנסיני.** איך בין געשיקט. איך רוף. אַ מענטשנוועלט ווערט איבער אַ נײַס געשאַפֿן –

**דזשייקאָבסאָן.** אָלרײַט. געזונטערהייט.

**סנסיני.** אָן דיר – נישט צום אָנהייבן.

**דזשייקאָבסאָן.** דומהייטן ! אָן דזשייקאָבסאָנען קאָן זיך גאָט קיין עצה נישט געבן ?

**סנסיני.** דו ביסט – דער מוסטער.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *צעלאַכט זיך בייז און שפּאָטיש* דער מוסטער !

**דזשייקאָבסאָן.** איך ? קאָן גאָט אָן אַ מוסטער נישט שאַפֿן קיין מענטש ? האָט ער די מלאָכה פֿאַרגעסן ?

**סנסיני.** *צעמישט* איך וועל דיר אַן אַנדערש מאָל זאָגן... *שטרענג* נישט פֿאַר דיר, מענטשנזון, העכערע געהיי-מענישן. גייסטו מיט מיר ?

**דזשייקאָבסאָן.** *טרוקן* איך זע נישט אײַן, פֿאַר וואָס איך זאָל דאָס טון. איבעריקנס, איר האָט זיך אַפֿילו נישט פֿאָרגעשטעלט פֿאַר מיר. ווּ איז העפֿלעכקייט ?

**סנסיני.** *פֿאַטעטיש* איך בין סנסיני דער מלאך.

**דזשייקאָבסאָן.** *העפֿלעך* מיסטער סנסיני ? אַ נאָמען אַן אינטערעסאַנטער, כאָטש אַ ביסל אַ קאָמישער. און איך, מיסטער, הייס – וואָס איר, אַלס מלאך, מוזט אַוודאי וויסן – דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן.

**סנסיני.** אַנדערש הייסטו פֿון איצט אָן. דו הייסט אָדם.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** ענדער דעם נאָמען און – דאָס אָרט !

**דזשייקאָבסאָן.** *אויפֿגערעגט* קיין וועקסלען האָב איך נישט געפֿעלשט. איך דאַרף זיך פֿאַר קיינעם נישט אויסבאַהאַלטן. אַלע ווייסן, אַז מײַן נאָמען איז דזשייקאָבסאָן.

**סנסיני.** וואָס געווען איז ווי נישט געווען. פֿון הײַנט אָן און ווײַטער ביסטו נישט דער זעלבער.

**דזשייקאָבסאָן.** מען ווערט נישט אויף אַ מאָל אַנדערש. *פּויזע* איך קאָן מיר פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ וועלט דאָס וועט זײַן, אויב איך דאַרף איר געבן דעם אָנהייב !

**סנסיני.** אָדם, וואַרף אָפּ דײַן אומגלויבן אין זיך ! גלייב – און דו ווערסט דער פֿאָטער פֿון דורות !

**דזשייקאָבסאָן.** איך זאָל גלייבן ? *פּויזע* איך וואָלט געגלייבט – אָבער ווען ? ווען איך ווייס, אַז די ביזנעס, וואָס איר לייגט מיר פֿאָר, וועלן נישט זײַן קיין דורכפֿאַל. איר פֿאַרשטייט ? ווערדליק ווי ביז איצט איז קלאָר, אַז גיין פֿאַרלייגן אויף ס'נײַ אַ מענטשן-פֿאַבריק איז אַ גאַנץ שלעכטער און זייער נישט פּראַקטישער אײַנפֿאַל. ס'וועט נישט זײַן קיין סוקסעס. מיר זעען דאָך, מיט וואָס די פֿריִערדיקע פּראָ-דוקציע האָט זיך אויסגעלאָזט.

**סנסיני.** וואָס האָסטו, מענטשנזון, צו רעדן דאָרט, ווו ס׳איז דאָס הויכע באַפֿעל געפֿאַלן ? ביסט דער לעצטער, ווערסט דער ערשטער און ערד וועט ווידער ווערן ערד !

**דזשייקאָבסאָן.** נעווער מײַנד. אַזוי מאַכט מען נישט קיין ביזנעס. ביזנעס באַקלערט מען פֿריִער. איך וווּנדער מיך אויף אײַך. *פֿויזע* דאַן – *ענערגיש* מיינט נישט, מיסטער גאָט-אָנגעשטעלטער, אַז איך אַליין האָב דאָ גאָרנישט צו זאָגן.

**סנסיני.** וואָס האָסטו צו זאָגן דען ?

**דזשייקאָבסאָן.** איר קאָנט מיך נישט. איך בין אײַך נישט אָדם-הראשון. יענער האָט גאָט געדאַנקט, וואָס מ׳האָט אים געטון די טובֿה און אויף דער וועלט געבראַכט – איך אָבער בין אין דער פּריווילעגיר-טער לאַגע, וואָס מ׳דאַרף מיך נישט ערשט באַשאַפֿן. אָ, איך בין שוין אַ באַשאַפֿענער זינט פֿופֿציק יאָר ! פֿאַר מיר מעגט איר דרך-ארץ האָבן. איר רעדט צו אַ געוועזענעם מיליאָנער, אַ קעניג פֿון הויזנקנעפּ, אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעהויבן אַלס שאַפּ-אַרבעטער, איז געוואָרן אַ גרויסע פֿירמע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן ים און וויל איצט מאַכן קאַריערע אַלס געבוירענער הונדערט-פּראָצענ-טיקער וואַסערגײַסט.

**סנסיני.** פֿאַרטרײַב די רייד ! וואָס זענען ווערטער ? קום מיט מיר אין לאַנד פֿון ליכט ! אין געטלעכן גאָרטן וועל איך דיך פֿירן, אין לויטערן זילבער הילן דײַן לײַב –

**דזשייקאָבסאָן.** מיסטער גאָט-באַאַמטער, מיר קענען זיך שוין אויף דער פּאָעטרי. מלאָכים זענען פּאָעטיש געזאָנען, יעס. *פֿויזע* אויב פֿאַר אַ וואַסערגייסט ווילט איר מיך, ווי איך זע, נישט אָנערקענען, אויב איר האַלט, ווי זיי אַלע *ווײַזט אויף די גײַסטער* אַז איך בין אַ מענטש, מוזט איר וויסן, אַז אַלס מענטש בין איך פֿריִער פֿאַר אַלץ אַ ביזנעסמאַן. אַלס ביזנעסמאַן ווייס איך איינס ביזנעס בעפֿאָר פּלעזשור. איר קאָנט ענגליש ? איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *שפּאָטפֿול* מענטשן-חכמה !

**דזשייקאָבסאָן.** אַלזאָ, מיסטער, אויב איר זענט נישט קיין שווינדלער און אויב גאָט וויל ווירקלעך אויף ס׳נײַ פֿאַרלייגן אַ ביזנעס – וועל איך מיך נישט לאָזן אַרײַננאַרן.

**סנסיני.** קלערער !

**דזשייקאָבסאָן.** וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ נישט ? אויב ער שיקט אײַך, – דאַרף ער צו מיר אָנקומען, נישט ? און אויב אָנקומען – פֿאַרשטייען דאָך קינדער אין וויג, אַז דזשייקאָבסאָן דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ שותּף. אויב דזשייקאָבסאָן דאַרף זײַן אַ שותּף – וויל דזשייקאָבסאָן דיקטירן באַדינגונ-גען.

**סנסיני.** וואָס קאָן אַ מענטשנקינד באַגערן מער, ווי גן-עדן-ליכט ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** די חוצפּה פֿון דעם מענטש איז טיפֿער ווי אונדזער אָפּגרונט !

**גײַסטער.** *בייז* אין גן-עדן אַרײַן, אין גן-עדן !

**וואַסערהאַר.** טרײַבט אים נישט, קינדער – ס׳איז דאָך אויף אים אַ רחמנות.

**דזשייקאָבסאָן.** *צום מלאך* קעגן דעם, וואָס איר זאָגט גן-עדן. די מענטשנוועלט, וואָס איז ערשט אונטערגע-גאַנגען, האָט זיך דען אַנדערש אָנגעהויבן ? אויך מיט אַן אָדם און מיט אַ געטלעכן פּאַרק ! און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט ? מען מוז אויסמײַדן די פֿריִערדיקע פֿעלערן. נאָר נישט געאײַלט, מיסטער. מען מוז אויסאַרבעטן סאָלידע געשעפֿטס-באַדינגונגען.

**סנסיני.** *צו די גײַסטער* די נײַע וועלט-באַשאַפֿונג – ווי שווער זי קומט אָן !

**דזשייקאָבסאָן.** עקסקיוז מי. אויב איר ווילט – וועל איך אַוועק אָן אַ זײַט, ערגעץ אין הינטערגרונט, און באַקלערן די לאַגע. זאָל דאָס אײַך נישט ווונדערן. אַן אַלטע געוווינהייט בײַ מיר. אין ערנסטע מאָ-מענטן, פֿאַר אַ שטרײַק, צום בײַשפּיל, פֿלעג איך מיך פֿאַרשליסן אין אָפֿיס, נישט אַרײַנלאָזן קיינעם, לויפֿן הין-און-צוריק און אָננעמען באַשלוסן. *אָפּ.*

**וואַסערהאַר.** ווונדערלעך ! ווי פֿרייט זיך מײַן האַרץ, וואָס איך האָב געראַטעוועט דעם דאָזיקן ! נישט געוווּסט האָב איך, אַז דערמיט איז אַ וועלט געראַטעוועט, אַז פֿון זײַנע לענדן וועלן געשלעכטער אַרויסשפּראָצן –

**סנסיני.** איידעלער וואַסערהאַר, ווער באַדאַנקט !

**גײַסטער.** פֿיר אים אַוועק !

**סנסיני.** *זיפֿצט אָפּ* לײַכטער אַ שטיין צו קויקלען באַרג אַרויף.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** מלאך ליכטיקער און דו, אונדזער האַר ! איך האָב אַ וואָרט צו אײַך.

**וואַסערהאַר.** רייד, דען עס הערט דיך דײַן האַר.

**סנסיני.** איך פֿאַרנעם.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** נישט אַזוי לײַכט לאָזט אַזאַ איינער זיך אַוועקפֿירן. אײַנגעשפּאַרט איז ער און קלוג. נישט דו, מלאך ליכטיקער, און נישט מיר, וואַסערגײַסטער, וועלן אים בײַקומען. ווילסטו, מלאך, ער זאָל האָרכן דעם באַפֿעל – מוזסטו אַנדערש טון. אַן אַלטער גײַסט בין איך און מײַן ראָט איז דער בעסטער. זעסט דאָרט די מענטשנפֿרוי ? טײַטלט פֿון דער ווײַטנס אויף לוסין, וואָס ליגט אויסגע-צויגן, מיטן פּנים אַרויף, צווישן ווילדע תּהום-גראָזן.

**סנסיני.** איך זע.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** זי איז טויט. ווער זי איז ווייסטו ? דעם מענטשנס פֿרוי. און געהערט האָב איך, אַז די נאַרישע מענטשנווײַבער האָבן שרעקלעך ליב געהאַט צירונגזאַכן און אַז מער ווי אַלץ פֿלעגט זיי פֿאַרכּישופֿן דער גלאַנץ פֿון איידלשטיינער –

**סנסיני.** דאָס איז וואָר.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** און באַקאַנט איז צו מיר, אַז זייער שלעכט זענען געווען די מענטשנווײַבער און אַז געציטערט האָבן פֿאַר זיי די מענטשנמענער. און פֿלעגט מען וועלן, דער מאַן זאָל טון עפּעס, און דער מאַן האָט נישט געוואָלט – אַזוי פֿלעגט מען אָנרעדן די פֿרוי און די פֿרוי האָט דעם מאַן געצווונגען צו וועלן דאָס, וואָס ער וויל נישט.

**סנסיני.** דאָס איז וואָר.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *צום וואַסערהאַר געווענדט* און אַ פּערלשנור האָסטו, האַר, אַ בליצנדיקע פּערלשנור –

**וואַסערהאַר.** פֿאַרפּלאָנטערטע ווערטער. וואָס ווילסטו זאָגן ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *פֿײַערלעך* איך זאָג  זאָל גענומען ווערן די בליצנדיקע פּערלשנור און זאָל זי צוגע-לייגט ווערן דער טויטער פֿרוי צו דער נאָז און זאָל –

**וואַסערהאַר.** *ריַיסט איבער* ווי קומט אַ פּערלשנור צו דער נאָז פֿון אַ טויט מענטשנוויַיב ?

**אַלטער וואַסערגיַיסט.** וועט די טויטע אַזעלכע ווונדערפּערל דערשמעקן – וועט זי אויפֿשפּרינגען ! און וועט זי לעבעדיק ווערן – אָ, וועט זי שוין דעם מאַן אירן אין וואַסער נישט לאָזן זיצן !

**סנסיני.** *שטראַלט אויף* ווי ווויל דו האָסט דאָס גערדאַכט !

**וואַסערהאַר.** *לאַכט* נישט געוווּסט, אַז איך פֿאַרמאָג אַזאַ געשיַיטן דינער.

**גיַיסטער.** *פֿריילעך* די מענטשנוויַיבער – האַ – האַ – די נאַרישע מענטשנוויַיבער – *לאַכן. היַיטערקייט.*

**אַלטער וואַסערגיַיסט.** גיכער – איידער ער קומט צוריק ! האַר, קאָן איך בעטן די פּערלשנור ?

**וואַסערהאַר.** דו באַקומסט. *גיַיסטער לאָזן זיך צו דער טויטער לוסי, רינגלען זי אַרום מיט ליד און געלעכטער. אַלטער וואַסערגיַיסט הייבט די פּערלשנור, שפּיגלט זיך אין איר, קניט דערנאָך פֿאַרן קערפּער און טראָגט עס לוסין פֿאָרזיכטיק צו צו דער נאָז. די טויטע ליגט אָן אַ ריר, מאַכט פּלוצלינג אַ באַוועגונג מיט דער האַנט צו כאַפּן די פּערל. זי קערט זיך איבער אויף דער צווייטער זיַיט, לאָזט אַרויס אַ זיפֿץ, איבער איר פּנים לויפֿט דורך אַ האַלבער שמייכל – שוין אַ לעבעדיקער, אַ מינוט – און זי עפֿנט די ליפּן און מורמעלט פּערל... פּערל... דערנאָך נעמען איר ציטערן די ברעמען, זי גיט אַ הויכן צי מיט די נאָזלעכער, אַ געשריי און אַ שפּרונג אויף. געלעכטער.*

**לוסי.** *גאַפֿט אַרום זיך, צו ערשט נישט זעענדיק קיינעם* פּערל... געווען ווונדערלעכע פּערל... ליכטיקע פּערל... *גיַיסטער טרעטן אָפּ פֿון איר. לאַכן.*

**סנסיני.** אַלטער וואַסערגיַיסט, איך דאַנק דיר.

**וואַסערהאַר.** *שאָקלט גוטמוטיק מיטן קאָפּ* צירונג דערשמעקט – זיך פֿון טויטנשלאָף געוועקט.

**אַלטער וואַסערגיַיסט.** *צו לוסין* די פּערל ? אָט זענען זיי ! *וויַיזט איר די פּערלשנור פֿון דער וויַיטנס.*

**לוסי.** *דערזעט, ציטערט אויף, שפּרייט די הענט* גיב ! גיב !

**אַלטער וואַסערגיַיסט.** אָן געשריי ! זיי זענען נישט דיַינע.

**לוסי.** *צעוויינט זיך* קיין מאָל נישט געזען אַזעלכע... גיט זיי מיר ! עס ציט זיך מיַין האַלדז צו זיי ! זעט... איך בעט איַיך... הערלעכע, הערלעכע פּערל...

**גיַיסטער.** *רינגלען זי אַרום* נאַריש מענטשנוויַיב, מענטשנוויַיב...

**לוסי.** *לונאַטיש* הערלעכע פּערל, הערלעכע...

**אַלטער וואַסערגיַיסט.** ווילסט זיי, מענטשנפֿרוי ? טאָ זאָג נאָך די ווערטער פֿון דער שבֿועה  איך שווער –

**לוסי.** *האַלב וויינענדיק* איך שווער –

**אַלטער וואַסערגיַיסט.** צו טון –

**לוסי.** צו טון –

**אַלטער וואַסערגיַיסט.** אַלץ, וואָס ווערט –

**לוסי.** וואָס ווערט –

**אַלטער וואַסערגיַיסט.** פֿון מיר פֿאַרלאַנגט –

**לוסי.** פֿון – מיר – פֿאַרלאַנגט.

**סנסיני.** *פֿײַערלעך* מענטשנפֿרוי, ווי הייסטו ?

**לוסי.** לוסי דזשייקאָבסאָן, די אָפּערן-זינגערין.

**סנסיני.** אַנדערש הייסטו פֿון איצט אָן. דײַן נאָמען איז חווה.

**לוסי.** ווּ געפֿין איך מיך ?

**וואַסערהאַר.** האָב קיין פֿאָרכט נישט. דיר וועט קיין בייז נישט געשען. ביסט אין מלכות פֿונעם וואַסערהאַר, אויפֿן תּהום פֿון אוקינוס.

**לוסי.** איר זענט גײַסטער ?

**וואַסערהאַר.** יאָ. און דער דאָ איז אַ גאָט געשיקטער מלאך. *ווײַזט אויף סנסינין.*

**לוסי.** *צו סנסיני* ווּ האָט איר זיך געלאָזט אויפֿנייען אַזאַ פּאָר פֿליגל ? האָט דער שנײַדער טײַער גענומען? *געלעכטער.*

**לוסי.** איר זענט מאַנסלײַט ?

**וואַסערהאַר.** מיר זענען אויסער געשלעכט.

**לוסי.** סאַראַ שאָד ! *דערמאָנט זיך* גאָט ! ווּ איז מײַן פּילאָט ? ווּ איז האַררי ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *ווײַזט אויף אַ צעפּוילטן, האַלב-אַראָפּגעשווענקטן גוף* אָט דאָרט ליגט ער.ביידע זענט איר דערטרונקען געוואָרן.

**לוסי.** *לויפֿט צו, וואַרפֿט זיך אויפֿן גוף* האַררי, האַררי, שטיי אויף ! איך בין לעבעדיק געוואָרן, האַררי ! *האַררי רירט זיך נישט* ליבע גײַסטער ! מלאך טײַערער ! מיך האָט איר לעבעדיק געמאַכט – מאַכט אים אויך לעבעדיק !

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *ווירדיק* דאָס קאָן מען נישט. ס'וועט שטערן דעם פּלאַן.

**לוסי.** ווּעלכן ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** נישט פֿרעג ! וואָס מען הייסט – טו. האָסט ערשט געשווירן – נישט ?

**לוסי.** געשווירן – – –

**אַלטער וואַסערגײַסט.** און די פּערל ?

**לוסי.** *ווי אין חלום* אַך, הערלעכע פּערל... הערלעכע...

**אַלטער וואַסערגײַסט.** איך פֿאַרשטיי דיך, ווײַבערבלוט. ווילסט די פּערל, אָבער נאָך עפּעס ווילסטו – אַ מאַן. וועסט אויך דאָס באַקומען. *געהיימנישפֿול* עס לעבט דאָ אין די וואַסערן אַ מאַן איינער – באַלד קומט ער –

**לוסי.** *אויפֿגעלעבט* אַ מאַן ? באַלד קומט ער ? אַ שלאַנקער אפֿשר ? אַ ברונעט ? *קורצע פּויזע* ווי ליב איך האָב שלאַנקע ברונעטן –

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *שאַלקהאַפֿטיק* וועסט אַליין באַלד זען, מענטשן-טײַוולטע. און איצט – *טײַטלט אויף*

*סנסינין* פֿאַרנעם די רייד פֿון גאָטס מלאך סנסיני –

**סנסיני.** *פֿײַערלעך* חווה !

**לוסי.** איך הער –

**סנסיני.** ווי וויל, וואָס דו ביסט לעבעדיק געוואָרן, אָ פֿרוי ! די מענטשנוועלט די גאַנצע איז אונטערגע-גאַנגען. ליידיק שטייט די ערד. איין מענטש דעם צווייטן האָט אױסגעקוילעט ביז צו לעצט –

**לוסי.** *שווידערט אויף* ביז צו לעצט ? *דערמאָנט זיך* יאָ, אָבער דער שלאַנקער ברונעט –

**סנסיני.** דער נײַער אָדם ? באַלד קומט ער.

**לוסי.** אָבער דאָס איז שרעקלעך, וואָס בלויז איינער. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועלט, וואָס פֿאַרמאָגט נאָר איין מאַן ?

**סנסיני.** און אָ באַפֿעל איז געוועגן צו מיר  מלאך סנסיני ! נידער צום לעצטן מענטש און פֿיר אים פֿון די וואַסערן אַרויס און מאַך אים צום נײַעם אָדם און באַזעץ אים אין נײַעם גן-עדן און איבער אַ נײַס זאָלן מענטשלעכע דורות קומען אַרבן די חרובֿע ערד ! בין איך געקומען. אָבער דער מענטש האָט זיך אײַנגעשפּאַרט. באַפֿעל איך  חווה, דו מוזסט הייסן אָדמען, ער זאָל אין גן-עדן גיין.

**לוסי.** מוז איך ?

**סנסיני.** געשווירן האָסטו.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** ווערסט די פּערל נישט באַקומען.

**לוסי.** וועט כאָטש אַ שלאַנג זײַן אין גן-עדן ?

**סנסיני.** געוויס !

**לוסי.** וועט דאָרט שיין זײַן ?

**סנסיני.** געוויס !

**לוסי.** און אַ שיינער איז דער נחש ?

**סנסיני.** געוויס.

**לוסי.** גיי איך – דאָס מוז אַ מין אָפּערע זײַן, ניין ? ס'וועלן זײַן שיינע דעקאָראַציעס, ניין ? און איך וועל האָבן אַן אויפֿטריט, ווי ? *פּרוווט זינגען* פֿוי, די גאַנצע קאָלאָראַטור גייט דאָ פֿאַרלוירן ! וואַסערן, וואַסערן – און קיין שום רעזאָנאַנס.

**אַלטער וואַסערגײַסט.** נישט פֿאַר מענטשנליד זענען די וואַסערן, נאָר פֿאַר גײַסטערליד.

**סנסיני.** אין גן-עדן וועסטו זינגען.

**לוסי.** יאָ, אָבער ווער וועט אַפּלאָדירן ?

**דזשייקאָבסאָן.** *קומט צוריק פֿון שפּאַציר. טרעט פּאַמעלעך, שטאַרק פֿאַרמוטשט, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, בלײַבט שטיין מיטן רוקן צו לוסין. רעדט, נישט קוקנדיק אויף קיינעם, מיט אַ האַרטן, געשעפֿטלעכן טאָן* מיסטער סנסיני, גיט איבער אײַער שעף דעם רעזולטאַט פֿון מײַנע באַטראַכטונגען.

**סנסיני.** *זיפֿצט* אָדם דו, אָדם...

**דזשייקאָבסאָן.** איך צווייפֿל איצט נאָך מער ווי פֿריִער, צי די אונטערנעמונג וועט זײַן אַ דערפֿאָלג. נאָר אויב אײַער שעף איז ווירקלעך גאָט און אויב ער וויל דורכאויס דאָס געשעפֿט און אויב ער איז פֿאַראינטערעסירט אין סוקסעס און פּראָספּעריטי – מוז ער אָננעמען די באַדינגונגען, וואָס איך, שותּף צו די ביזנעס, דיקטיר
וואָס אָנבאַלאַנגט דער פֿראַגע פֿון אַרבעט און קאַפּיטאַל. אַלס מענטש מיט דערפֿאַרונג אויף דעם געביט פֿאָדער איך, אין דער קומענדיקער וועלט זאָל די דאָזיקע פֿראַגע איבער הויפּט נישט עקזיס-טירן. אויב זי וועט יאָ עקזיסטירן – וועט דאָס געשעפֿט נישט עקזיסטירן.
וואָס אָנבאַלאַנגט פּאָליטיק. איך פֿאָדער, אין דער קומענדיקער וועלט זאָלן נישט פֿאָרקומען קיין אַנטוואָפֿענונגס-קאָנפֿערענצן, דען דאָס פֿירט צו מלחמות. איך פֿאָדער, עס זאָלן אָפּגעשאַפֿט ווערן די פּאַרלאַמענטן, דען זיי פֿירן צו דיקטאַטור.
וואָס אָנבאַלאַנגט דער אַזוי גערופֿענער פֿרויען-פֿראַגע. נאָך מײַן לאַנגיאָריקער דערפֿאַרונג אויף דעם דאָזיקן געביט אַלס מאַנסביל און געזעצלעכער מאַן פֿאָדער איך, אין דער קומענדיקער וועלט זאָלן די פֿרויען אומבאַדינגט זײַן אַנדערע, ווי מײַן געוועזענע פֿרוי לוסי, וועלכע איך האָב, וואָס אַן אמת, ליב געהאַט, אָבער זי האָט מיר צו פֿיל געלט געקאָסט – און –

**לוסי.** *שפּרינגט אויף* וואָס ? זײַן געוועזענע פֿרוי לוסי ? איז עס נישט אַ מאָל מײַן מאַן מיסטער דזשייקאָב-סאָן ?

**דזשייקאָבסאָן.** *דערהערט איר קול, דרייט זיך אויס צו איר* לוסי !

**לוסי.** וויי איז מיר ! דזשייקאָב !

**דזשייקאָבסאָן.** ווי קומסטו אַהער ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** מענטש, מיר האָבן זי לעבעדיק געמאַכט. איר צוגעטראָגן צום נעזל אָט דאָס – זעסט ? איז זי אויפֿגעשפּרונגען. *ווײַזט דעם פּערלשנור.*

**דזשייקאָבסאָן.** שוידערלעך ! מערדערײַ ! ווי קומט צו אַזאַ אַלטן וואַסער-גרינהאָרן אַזאַ מענטשלעך שמד-שטיק ?

**לוסי.** דזשייקאָב, שוין לאַנג ווי דו ווייקסט זיך דאָ ?

**דזשייקאָבסאָן.** *פֿינצטער* פֿון זינט יענער נאַכט אויף דער שיף –

**לוסי.** אַך, איך דערמאָן זיך – ביסט דאָך אין וואַסער פֿאַרשווונדן –

**דזשייקאָבסאָן.** *קרימט איבער* פֿאַרשווונדן ! פֿאַרשווונדן ! מ׳קאָן דען פֿון דיר פֿאַרשווינדן ? צו די גײַסטער. נאָך וואָס האָט איר זי לעבעדיק געמאַכט ? *גײַסטער לאַכן שאָדנפֿריידיק.*

**סנסיני.** זי זאָל דיך אין גן-עדן פֿירן.

**דזשייקאָבסאָן.** *מיט פֿאַראַכטונג* זי ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *צו לוסין* און דער נחש דאָרט וועט זײַן אַ שיינער זייער, און די פּערל וועסטו אויפֿן האַלדז טראָגן, חווה, און זינגען וועסטו אויף דײַן מענטשן-קול –

**לוסי.** *קאָקעטיש* דזשייקאָב, וואָס אַרט דיך ? ס׳איז דאָך אומגעהײַער אינטערעסאַנט.

**דזשייקאָבסאָן.** *שטרענג* ווו ?

**לוסי.** *ווייך* נו, אין גן-עדן.

**דזשייקאָבסאָן.** פֿון וואַנען ווייסטו ?

**לוסי.** דער נחש... די פּערל... די קאָלאָראַטור...

**דזשייקאָבסאָן.** וואָס פּלאָפּלסטו ?

**לוסי.** טו עס מיר צוליב ! לוסי קאָן איצט מאַכן קאַריערע !

**דזשייקאָבסאָן.** *שפּרינגט אויף* קאַריערע ? אַפֿילו נאָכן טויט ? אַפֿילו אויפֿן דעק פֿון אַטלאַנטיק ? אַפֿילו נאָך אַ וועלט-אונטערגאַנג ?

**לוסי.** *וואַרפֿט זיך אים אויפֿן האַלדז* דזשייקאָב, מוזסט מיך אַ קוש טאָן ! האָסט מיך שוין לאַנג נישט געקושט !

**דזשייקאָבסאָן.** *ווי פֿריִער* קושן ? אַפֿילו נאָכן טויט ? אַפֿילו אויפֿן דעק פֿון אַטלאַנטיק ? אַפֿילו נאָך אַ וועלט-אונטערגאַנג ?

**לוסי.** *האַלב-וויינענדיק* דזשייקאָב, איך בעט דיך מיט גוטן. וועסט מיך האָבן אויפֿן געוויסן. צעברעך מיר נישט די קאַריערע, זאָג איך דיר.

**דזשייקאָבסאָן.** *טײַטלט פֿאַרעקשנט אויף סנסיני*ן וועל, טאָ זאָל ער אָננעמען מײַנע געשעפֿטלעכע באַדינגונגען.

**סנסיני.** *שטרענג* מענטש ביסטו און העכערן ווילן געהאָרכן מוזסטו.

**דזשייקאָבסאָן.** אַלס שותּף האָב איך רעכט צו דיקטירן, נישט ? גיי זאָג גאָט, אַז אַזאַ דערפֿאַרענער גע-שעפֿטסמאַן ווי דזשייקאָבסאָן איז ער נישט, לײדער. דזשייקאָבסאָן האָט קיין מאָל קיין גאָטפּאָסטן נישט פֿאַרנומען, וועל, אָבער באַנקראָט-געשעפֿטן האָט ער פֿײַנט –

**לוסי.** זײַ נישט, דזשייקאָב, קיין נאַרישער דזשו.

**וואַסערהאַר.** גײַסטער ! מלאך סנסיני ! מיר איז אַ גרויס רחמנות אויף דעם מענטש. איר האָט זײַן ווײַב אים אויפֿגעלעבט, איר טרײַבט אים קעגן זײַן ווילן פֿון מײַן מלכות אַרויס. וואָס ווילט איר פֿון דעם מענטש ? אפֿשר לאָזט איר אים פֿאָרט אין מײַן קיניגרײַך איבער ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *קוקט קרום* זאָל מיך דער האַר נישט שטראָפֿן, אויב איך וועל זאָגן, אַז דער האַר איז צו ווייכהאַרציק.

**סנסיני.** געשאַפֿן מוז ווערן אַ וועלט אַ נײַע ! איין מענטשנוועלט אַראָפּ – גייט אַ צווייטע אויף ! זאָל די ערד, וואַסער-קיניג, אָן לעבן בלײַבן ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *רייצט זיך מיט לוסין* ווי שיין די פּערל ! ווי הערלעך די פּערל – –

**לוסי.** אָבער דו גיסט זיי דאָך מיר, יאָ ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** *שטרענג* היט די שבֿועה !

**לוסי.** *ענערגיש* דזשייקאָב, ווי שעמסטו זיך נישט ? מ׳לייגט אונדז פֿאָר וועלט-באַשאַפֿונג – און דו ? נאַרישער ייִד איינער ! דזשייקאָב, בײַ די האָר וועל איך דיך רײַסן ! שוין אין גן-עדן אַריין – דו הערסט ?

**סנסיני.** *פֿליט צו, שטעלט זיך צו דזשייקאָבסאָנס רעכטער האַנט* אָדם, אין וועג ! חווה, אונטערן אַרעם נעם אים ! וואַסערגייַסט, העלף חווהן פֿירן אָדמען !

**לוסי.** *כאַפּט דזשייקאָבסאָנען אונטערן אָרעם. אַלטער וואַסערגייַסט לויפֿט צו, שלעפּט אים אויף ס׳כוח.*

**דזשייקאָבסאָן.** *ווערט זיך* איך וויל נישט ! לוסי, איך וויל נישט !

**סנסיני.** מוזסט !

**לוסי.** *שלעפּט אים* זײַ קיין נאַר נישט, זאָג איך דיר. *צום וואַסערגײַסט* די פּערלשנור מיטגענומען ?

**אַלטער וואַסערגײַסט.** מיטגענומען.

**דזשייקאָבסאָן.** אַ פֿירמע, געבויט אויף טעראָר, איז קיין פֿירמע נישט ! מ׳קאָן קיינעם נישט צווינגען צו ווערן אַן אָדם-הראשון ! איך פּראָטעסטיר !

**סנסיני.** שרײַ נישט, אָדם ! *דרייט זיך אויס* זײַ געזעגנט, וואַסער-קיניג ! און איר, איידעלע גײַסטער, זײַט געזונט !

**וואַסערהאַר.** זײַ געזונט, מלאך ! *צו דזשייקאָבסאָנען* זײַ נישט בייז אויף מיר, מענטש ! זײַ נישט בייז ! איך קאָן נישט העלפֿן. איך בין דאָך נישט מער ווי אַ קיניג.

**לוסי.** *האָפּערדיק* אין גן-עדן אַרײַן ! אין גן-עדן ! *מען שלעפּט דזשייקאָבסאָנען אַוועק.*

## פֿערטער אַקט

*גן-עדן. ביבליש-מאָדערניזירט. סטיליזאַציע. אין הינטערגרונט –ביימער איבער אַ טײַך ; אַ ביסל אָן אַ זײַט – דער בוים פֿון לעבן, פֿאָרנט – דער בוים פֿון וויסן.*

**דזשייקאָבסאָן.** *אין אַ צילינדערהוט ; קורצע טריקאָ-הייזלעך, ווי אויף אַ פּלאַזשע. שפּאַצירט פֿון בוים צו בוים און קײַט גומי.*

**לוסי.** *האַלבנאַקעט, די פּערלשנור אויפֿן האַלדז, זיצט אויף אַ צווײַג און זינגט עפּעס אַן אָפּערן-אַריע* **דזשייקאָב**, וויג מיך ! פֿאַר וואָס וויגסטו מיך נישט, דזשייקאָב ?

**דזשייקאָבסאָן.** משוגענע, דער צווײַג וועט זיך דאָך איבערברעכן.

**לוסי.** נו, וועט ער.

**דזשייקאָבסאָן.** וועסטו דאָך פֿאַלן.

**לוסי.** נו, וועל איך. וועל איך זײַן אַ געפֿאַלענע פֿרוי.

**דזשייקאָבסאָן.** *פֿיבערדיק* אַוודאי... וואָס אַרט עס דיך ? אַ געפֿאַלענע חווה, אַ געפֿאַלענער אָדם, און דער סוף – מ׳וועט אונדז ביידע אַרויסיאָגן ! אַלץ ווי געווען. און דערנאָך וועלן אונדז געבוירן ווערן אַ הבֿל מיט אַ קין, און דערנאָך וועט קין טויטן זײַן ברודער און דערנאָך וועט קומען אַ מבול און דערנאָך וועט זיך גאָט איבערבעטן און אַזוי וועט זיך עס ציִען ביז... ביז מענטשן וועלן זיך פֿונאַנ-דערקַינען, און דאַן וועט מען ווידער מאַכן אַ ווערסאַלער שלום-טראַקטאַט, און ווידער אַ ווילסאָן, און נאָך אַ מאָל אַ לענין, און אָבער אַ מאָל אַ... *פּויזע* און דערנאָך – ווידער וועלט-מלחמה, כעמישע וועלט-מלחמה מיט גיפֿטגאַזן, גיפֿטמאַסקעס, טויטשטראַלן און דער טײַוול ווייסט וואָס. און דער סוף ? דער סוף איז דאָך אויך באַקאַנט, לוסי. ווידער וועלט-אונטערגאַנג און ווידער... האַ... וואָס ווידער ? ווידער אַן אָרעמער דזשייקאָבסאָן מיט אַ נאַרישעוואַטער לוסי, וואָס וועלן ווידער געבוירן אַ הבֿל מיט אַ קין, און ווידער וועט קין טייטן הבֿלען, און ווידער אַ מבול, און ווידער וועט זיך גאָט איבערבעטן, און ווידער אַ מאָל... *כאַפּט זיך אָן בײַם קאָפּ* מײַן קאָפּ ! וועט קיין מאָל קיין סוף נישט נעמען צו די פֿוילע ביזנעס ? איז דאָס מעגלעך ? לוסי, איך האָב מורא... לוסי, מיר זענען אַרײַנ-געפֿאַלן... לוסי, וואָס טוען מיר דאָ ?

**לוסי.** פֿאַרריקטער דזשו ! אַ שטיקל אָדם, מ׳שטיינס געזאָגט, קאָן דאָס נישט זײַן ! און אַזאַ פּאַרשוין, וואָס קען זיך אַפֿילו נישט צופּאַסן צו די פּרימיטיווע לעבנס-באַדינגונגען פֿון אַ גן-עדן, האָט געהאַט די חוצפּה צו ווערן מײַן מאַן !

**דזשייקאָבסאָן.** אַרײַנגעפֿאַלן... אַרײַנגעפֿאַלן...

**לוסי.** מיט וואָס ביסטו אַרײַנגעפֿאַלן ? ס׳וועט זיך איבערחזרן – נו, וועט ! עס איז דאָ אַ ביסל פּרימיטיוו,

געוויס איז עס נישט ניו-יאָרק, אָבער די אַקוסטיק איז ווונדערבאַר, די לופֿט – אויך, און זאָל נאָך דער מלאך האַלטן וואָרט און אַרײַנשיקן אים – ווי רופֿט מען אים – דער נחש, – וואָלט שוין אין גאַנצן געווען אָלרײַט.

**דזשייקאָבסאָן.** וואָס פֿאַר אַ נחש ?

**לוסי.** האָסט זיך שוין דערשראָקן ? ביסט אייפֿערזיכטיק ?

**דזשייקאָבסאָן.** ניין... איך ווונדער זיך נאָר, ווי דאָס אַלץ חזרט זיך איבער... זאָל כאָטש פֿעלן אַ האָר... אַן אָדמל – אַ חוהלע – אַ נחשל. דערנאָך געוויס אַן עפּעלע און דערנאָך – *שפּײַט אויס.*

**לוסי.** זע נאָר, זע ! אַן עפּל ! מיט וואָס איז שלעכט צו עסן עפּל ? און דער נחש – מיט וואָס געפֿעלט ער דיר נישט ? האָסט מורא, ער וועט זײַן שענער פֿון דיר ? ביסט אייפֿערזיכטיק – דעטס אָל ! *פּלוצלינג* דזשייקאָב, דזשייקאָב, אַ לופֿטמאַשין !

*פֿון אַ קליינעם עלעגאַנטן שפּאַציר-אַעראָפּלאַן שטײַגט אַרונטער דער נחש. שלאַנק, סמאָקינג, בינאָקל. אין העמד – אַ בריליאַנטענע שפּילקע, פֿון הינטערן סמאָקינג – אַ קליינער, שטאַרק פּאַרפֿומירטער, פֿײַן-צוגעשוירענער עק.*

**לוסי.** *אַנטציקט* זענט איר נישט אַ מאָל הער רודאָלף וואַלענטינאָ ?

**נחש.** *רעדט אונטער-דער-נאָזיק, לויפּיק, פּאַריזעריש-נערוועז* האָב דעם כּבוד צו זײַן דער נחש. האָט איר דאָס פֿאַר-געניגן צו זײַן פֿרוי חווה ?

**לוסי.** יעס, יעס...

**נחש.** און דאָס, אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז אײַער געערטער מאַן אָדם ?

**דזשייקאָבסאָן.** וואָס פֿאַר אַן אָדם ? מיסטער, איך וועל אײַך זאָגן דעם גאַנצן אמת  מ׳האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַן אָדם קעגן מײַן ווילן. אין דער אמתן בין איך דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן, עקסקעניג פֿון די באַרימטע הויזנקנעפּ.

**נחש.** דאָס גייט קיינעם נישט אָן. די פֿאַרגאַנגענהייט – קאָמפּרענע-ווו ? קאָן אינטערעסירן נאָך די היסטאָ-ריקער. איצט, מסיע, הייבט זיך עס אָן פֿון דאָס נײַ. אָט בין איך אין דער פֿאָריקער וועלט געווען פֿאָרטענצער אין אַ פּאַריזער דאַנסינג. דאָס שטערט מיר אָבער נישט אין דער נײַער וועלט צו זײַן דער ביבלישער נחש.

**דזשייקאָבסאָן.** *גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, וואַרפֿט אויפֿן נחש אַ קרומען קוק און דערווײַטערט זיך אַ פֿאַרטראַכטער.*

**לוסי.** *צום נחש* איר האָט רעכט. וועמען גייט אָן, וואָס פֿריִער איז געווען ?

**נחש.** און וועמען קאָן אָנגיין, וואָס שפּעטער וועט זײַן ?

**לוסי.** דערווײַל לעבן מיר אין אַ פּאַרק, די זון שײַנט, די גן-עדן-פֿייגל זינגען נישט אָן טאַלאַנט, ס׳איז וואַרעם און... איר, הער נחש, זענט העכסט עלעגאַנט. *שפּילט מיט דער פּערלשנור.*

**נחש.** *נייגט זיך* מערסי, מאַדאַם. ס׳וועט מיך זייער פֿרייען, ווען מײַן געזעלשאַפֿט וועט אײַך נישט זײַן איבע-ריק. איך פֿון מײַן זײַט מוז אײַך מאַכן די בעסטע קאָמפּלימענטן. מאַדאַם, אַלס געוועזענער פֿאָר-טענצער אין פּאַריז האָב איך נישט איין מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו באַוווּנדערן די רייצנדיקע שיינקייט פֿון פֿרויען-קערפּערס און איך מוז אײַך זאָגן, אַז מײַן ברייטע פּראַקטיק –

**לוסי.** ברייטע פּראַקטיק ! וואָס איך הער ! האָט איר לאַנג פּראַקטיצירט אויף דעם געביט פֿון פּרויען-קערפּערס ?

**נחש.** נישט אַזוי לאַנג, ווי פֿלײַסיק, מאַדאַם ! און איך בין – קאָמפּרענע ווו – געקומען צום אויספֿיר, אַז די פּיקאַנטסטע קערפּערס האָבן אַמעריקאַנערינס. די אַמעריקאַנערינס זענען די שענסטע פֿרויען, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען, און איך מוז מודה זײַן, אַז אַפֿילו צווישן די אַמעריקאַנערינס האָב איך נישט געזען אַזאַ איינע, ווי איר.

**לוסי.** *קאָקעטיש* נו, נו, איר טרײַבט איבער –

**נחש.** לײַב צו לײַב איז נישט גלײַך. אײַער לײַב, מאַדאַם, אויף וויפֿיל עס לאָזט זיך אָבסערווירן דורכן באָדקאָסטיום, וואָס איר באַווײַליקט צו טראָגן, צייכנט זיך אויס מיט יענער באַזונדערער פּיקאַנטעריע פֿון די ליניעס, וואָס –

**לוסי.** *מײַן ליבער נחש, איך מוז אָננעמען, אַז אַ נאָך נענטערע אָבסערוואַציע פֿון מײַן לײַב וואָלט אײַך קלאָר געמאַכט געוויסע דעטאַלן* –

**נחש.** איר האָט זייער ריכטיק באַמערקט. און איך האָף, מאַדאַם, אַז איר וועט מיט אַלע כּוחות מיר זען צו פֿאַרלײַכטערן דעם באמת אינטערעסאַנטן שטודיום פֿון אײַער הערלעך לײַב. אַ שטודיום, וואָס איך, אַלס נחש, מוז אומבאַדינגט דורכמאַכן סײַ עקס פּראָפֿעסאָ און סײַ עקס אָפֿיציאָ.

**לוסי.** אָ, איר זענט נישט נאָר שאַרמאַנט, נאָר געבילדעט אויך. איר באַנוצט אַזעלכע אינטעליגענטע ווערטער.

**נחש.** איך בין – ווי איר האָט שוין געהערט – אַ פּאַריזער. און דאָס לעבן אין אַזאַ שטאָט מאַכט געבילדעט.

**לוסי.** אײַער אָנוועזנהייט אין דעם דאָזיקן פּאַרק פֿאַרוואַנדלט דאָס פּרימיטיווע ווינקל אין אַ סאַלאָן.

**נחש.** פֿרייט מיך זייער. און עס וואָלט מיך נאָך מער געפֿרייט, ווען מײַן אָנוועזנהייט פֿירט דערצו, אָט דאָס פּרימיטיווע ווינקל, ווי איר האָט עס אַזוי טרעפֿלעך כאַראַקטעריזירט, זאָל צו גלײַך מיט די אייגן-שאַפֿטן פֿון אַ סאַלאָן באַקומען אויך די אינטימע אייגנשאַפֿטן פֿון אַ בודואַר, ווו –

**לוסי.** איר אַנטציקט מיך ! איר האָט די פֿלאַמענדיקע איבערצײַגונגס קראַפֿט פֿון אַ קאַזאַנאָוואַ.

**נחש.** *נייגט זיך* האָט איר שוין געפּרווט טאַנצן אין דעם דאָזיקן גאָרטן ?

**לוסי.** ניין. קיין פּאַרטנער נישט געהאַט.

**נחש.** *שעלמיש* און אײַער מאַן ?

**לוסי.** מײַן מאַן קאָן דען טאַנצן ? ס'איז נישט קיין מאַן, נאָר אַ ביזנעסמאַן. *נחש און לוסי לאָזן זיך אַוועק אין אַ ווירבלטאַנץ.*

נחש. כ'הייב די פֿיס און הייב דעם ווײדל,
און מיט חוהן אין גן-עדן
טאַנץ איך, כ'לעבן, גאָרנישט איידל
און אַ ברעקל נישט באַשיידן.

**לוסי.** ביסט אַ שלאַנג אַ וואַלענטינאָ,
ביסט אַ שלאַנקער, ביסט אַ שיינער,

טאַנץ מיט מיר, דײַן קאָלאָמבינע,
וואָס פֿאַרשײַטער, וואָס געמיינער !

**סנסיני.** *בלײַבט הענגען, מיט די פֿליגל רווישנדיק, איבערן בוים פֿון וויסן ; קוקט זיך צו שיין.* דער נחש טוט דאָס זײַניקע, חווה – דאָס איריקע. אָבער אָדם – ווו איז אָדם ? *אַפּ.*

*טאַנץ הערט אויף, נחש און לוסי זעצן זיך צו אויף אַ באַנק.*

**לוסי.** פֿאַר וואָס האָט דער מלאך זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז דווקא מײַן דזשייקאָבסאָן, דער אידיאָט, זאָל ווערן אָדם ? *נחש שווײַגט* די מלאָכים זענען עפּעס אַזעלכע קאָמישע מענטשן ! פֿאַר וואָס, זאָגט מיר, האָבן אַלע געטענהט, אַז דער איינציקער מענטש און מאַנסביל, וואָס איז געבליבן, איז דזשייקאָבסאָן ? אָט זענט איר דאָך אויך אַ מענטש און אַ מאַנסביל. *קושט אים און טוליעט צו זיך.*

**נחש.** דעם מלאך סנסיני קאָן מען אויך מיט דער האַנט נישט אָוועקמאַכן. ער ווייסט, מן-הסתּם, וואָס ער טוט. בנוגע מיר, ווידער, האָט איר, מאַדאַם, אַ שטיקל טעות, אויב איר מיינט, אַז איך בין אַ מענטש און אַ מאַנסביל. אמת, איך בין געווען פֿאָרטענצער אין אַ פּאַריזער דאַנסינג, אָבער... איך בין אויך דעמאָלט געווען מער נחש ווי מענטש. נאָר גאָרנישט – מ'האָט עס נישט באַמערקט.

**לוסי.** איר ווילט מיך אײַנרעדן, אַז איר זענט קיין מאַנסביל נישט ?

**נחש.** הם... יאָ... הגם...

**לוסי.** *צעלאַכט זיך* אַי, זענט איר אַ וויצלער ! *ערנסט* מיינט נישט, אַז איך בין נאַיִוו. אויף מאַנסלײַט בין איך אַ מבֿין. הלוואי האָט דזשייקאָבסאָן אַ צענט חלק פֿון אײַער מענלעכקייט !

**סנסיני.** *ווײַזט זיך ווידער* נישט געזען ערגעץ אָדמען ?

**לוסי.** ווער דאַרף אים ?

**נחש.** גיי זוך ! אַרבעט אויך אַ ביסל ! *צו לוסין* און ווי פֿאַסט איר אויף מײַן עק ?

**סנסיני.** *אַפּ.*

**לוסי.** דאָס, מיין איך, איז פּשוט אַ שילד אַזאַ !

**נחש.** הם... איבעריקנס, לאָמיר נישט זײַן אַזוי פּאָרנאָגראַפֿיש. איר ווייסט ? נאָכן טאַנצן ווילט זיך עסן. דער גוף, אויסגעשעפּט פֿון טאַנץ, פֿאָדערט דאָס זײַניקע. ווי מיינט איר, מאַדאַם ? אַן עפּעלע פֿון עץ-הדעת וואָלט נישט געשאַט.

**לוסי.** איך מיין אויך אַזוי.

**נחש.** וואָס ? איר שטעלט זיך גאָרנישט אַנטקעגן ? דאָס איז דאָך פֿאַרבאָטן !

**לוסי.** איך ווייס נישט דערפֿון.

**נחש.** אַך, דער סנסיני ! אויך מיר אַ מלאך ! ווי פֿאַרטאַטשיש זיי מאַכן דאָס אַלץ ! ער האָט פֿאַרגעסן אָנצוזאָגן –

**לוסי.** וואָס האָט ער דען געדאַרפֿט אָנזאָגן ? איך פֿאַרשטיי נישט.

**נחש.** אַפּנים, אין דער ביבל זענט איר קנאַפּ באַהאַוונט. *אויפֿגערעגט* אַך, דער סנסיני ! ווי פֿאַרגעסט מען דאָך

אַזאַ וויכטיקן פּרט ?

**לוסי.** *נאַיִװ* די בײַבל ? ע, דאָס לאָז איך איבער פֿאַר דזשייקאָבסאָנען.

**נחש.** אַזאַ פֿאַרזען... באמת, זיי זענען אונטער יעדער קריטיק –

**לוסי.** זיי ? קאָן מען וויסן ווער ?

**נחש.** נו, סנסיני מיין איך און דער שעף זײַנער, ווי הייסט ער דאָרט, סנדלפֿון... דאָס איז דאָך זייער אונטערנעמונג...

**לוסי.** אַזוי ? גאָט אַליין מישט זיך נישט ?

**נחש.** מאַדאַם, ער אַליין, מוזט איר וויסן, האָט זינט וועלט-אונטערגאַנג זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פֿון וועלכע ס׳איז ווײַטערדיקע עקספּערימענטן. ווער איר גלייבן ? ער איז דאָך שטענדיק געווען אַ באַהאַלטענער – אָבער קיין מאָל נישט אַזוי ווי איצט. אַפֿילו מטטרונען, דעם אינערן-מיניסטער, לאָזט ער נישט צו –

**לוסי.** נו, קאָן מען עס דאָך מאַכן אָן גאָט !

**נחש.** *שמייכלט* געוויס, וועגן דעם רעדט מען דאָך. ווער איר דערלויבן אײַך צו אינפֿאָרמירן ?

**לוסי.** אָ, גערן ! הינטער-קוליסן-געשיכטעס האָב איך געוואַלדיק ליב. בײַ אונדז אין דער מעטראָפּאָליטאַן-אָפּערע –

**נחש.** *רײַסט איר איבער* ווען ס׳האָט מטטרון, דער נאָענטסטער צום אַלטן, געזען, אַז די מענטשנוועלט איז נאָך אַלעמען, איז ער אַוועק צו אים און גענומען בעטן, יענער זאָל רחמנות האָבן אויף דער ערד און שאַפֿן אַ נײַעם אָדם. האָט דער האַר געזאָגט מער שאַף איך נישט אַזעלכע באַשעפֿענישן. אומעטיק האָט ער מיטן קאָפּ געשאָקלט און דערנאָך צוגעגעבן מײַן טויער איז פֿון איצט אָן געשלאָסן. קום נישט מער צו מיר.

**לוסי.** אַך, וואָס פֿאַר אַ קאַפּריזנער מענטש !

**נחש.** אַ צעטראָגענער איז מטטרון אַוועק און דער מלאָכים-קאָמיסאַר סנדלפֿון האָט צונויפֿגערופֿן דעם העכסטן מלאָכים-ראַט. האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ מלאך, גראָד נישט קיין געהויבענער, דער מלאך פֿון קימפּעטאָרינס, סנסיני, און דערקלערט, אַז ווערליק ער האָט געהערט, געפֿינט זיך אויפֿן אָפּגרונט פֿון אַטלאַנטיק אַ מענטש, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון אונטערגאַנג. האָט זיך סנדלפֿון שטאַרק דערפֿרייט און האָט געזאָגט, אַז אויב אַזוי ווער מען ווידער קאָנען באַשאַפֿן אַ מענטשנוועלט, וואָרן אַליין וואָלט די חבֿרה, קאָמפּרענע-ווו, קיין אָדם נישט געקאָנט באַשאַפֿן. אַ נעכטיקער טאָג. דאָס קאָן נאָר גאָט.

**לוסי.** נו, און פֿון חוהן האָט מען גאָרנישט גערעדט ?

**נחש.** אַ חוה, מאַדאַם, איז שוין אַ קלייניקייט. די הויפּטפֿראַגע איז געווען ווו נעמט מען אַן אָדם ? אַ חוה, מאַדאַם, ווערט שוין געמאַכט איינס-צוויי. אַ שאָד, וואָס איר זענט שוואַך אין דער ביבל. אַזיסט וואָלט איר דאָך געוווּסט, אַז דאָס ווערט געמאַכט דורך אַן אָפּעראַציע. מ׳שנײַדט עס אויס פֿון אָדמס ריפּ.

**לוסי.** *צאָרנדיק* אָן דעם אידיאָט דזשייקאָבסאָן וואָלט מען די איצטיקע וועלט נישט געקאָנט באַשאַפֿן, און אָן מיר – יאָ ?

**נחש.** ס׳טוט מיר לייד, נאָר אַזוי איז עס, מאַדאַם.

**לוסי.** נידערטרעכטיק !

**נחש.** אויף וויפֿל דער מלאָכים-יונג סנסיני האָט מיך אינפֿאָרמירט, האָט מען אײַך אַ דאַנק אַ געלונגענעם אײַנפֿאַל פֿון אַן אַלטן קלוגן וואַסערגײַסט מחיה-מתים געווען. ס'איז אָבער געשען נישט דערפֿאַר, ווײַל אָן אײַך וואָלט מען נישט געקאָנט אויספֿאַרטיקן אַ חווה, אַזאַ איינע, ווי געזאָגט, מאַכט מען איינס-צוויי – נאָר צוליב דעם, מאַדאַם, איר זאָלט דעם מאַן אײַערן, דעם עקשן, צווינגען צו גיין אין גן-עדן. וואָרן עפּעס אַנדערש איז אַ פֿריש-געבאַקענע חווה, און עפּעס אַנדערש – אַן אַלטגעבאַקן געזעצלעך ווײַב מיט דערפֿאַרונג.

**לוסי.** *באַליידיקט* הערט אויף ! ביז איצט זענט איר געווען אַזוי גאַלאַנט און איצט וואַגט איר צו דערציילן אײַער דאַמע אַזעלכע באַליידיקנדיקע איינצלהייטן.

**נחש.** מאַדאַם, איך אינפֿאָרמיר בלויז. אויף וויפֿל דאָס ווענדט זיך אָן מיר בין איך אײַערער אַ באַזונדערס הייסער פֿאַרערער. אַלס נחש האַלט איך, אַז נישט דער קוואַטש-מלאך סנסיני, נישט זײַן שעף סנדלפֿון ווייסן ווי אָפּצושאַצן אײַער ווערט. מיך, למשל, אינטערעסירט איר געוואַלדיק. אײַער מאַן זעט מיר אויס צו זײַן אַ פּעסימיסט. איר, פֿאַרקערט, ווײַזט אַרויס אַ סך אָפּטימיזם און, דער עיקר, גרויס ליבע צו לעבעדיקע באַשעפֿענישן. איך זע דאָס אָן אײַער באַציִונג צו מיר.

**לוסי.** *קושט אים* איר זענט מײַן איינציקער פֿרײַנד ! גייען מיר שפּאַצירן ?

**נחש.** מיט פֿאַרגעניגן, מאַדאַם, מיט פֿאַרגעניגן. *ביידע, געאָרעמט, אָפּ. עס קומט צוריק, מיט לאַנגזאַמע טריט און אַראָפּ-געלאַזטן קאָפּ, דזשייקאָבסאָן. נאָך אים – דער מלאך סנסיני, וועלכער טענהט אַרײַן אין אים, זשעסטיקולירנדיק מיט די פֿליגל.*

**סנסיני.** אָדם ! וואָס ביסטו אַזוי האַרטנעקיק, אָדם ?

**דזשייקאָבסאָן.** *אויפֿגעקאָכט* וואָס פֿאַר אַן אָדם בין איך אײַך ? איך שפּײַ אויף דעם ! *זעצט זיך אויף אַ באַנק, סנסיני – אויף אַ בוים אים קעגנאיבער* די אַלטע מעשה ! אַן אָדמל, אַ חווהלע, אַ נחשל, אַן עץ-הדעתל, און עץ-החיימל און דערנאָך אַ קינדל ! און צום סאַמע סוף – א וועלטקריגל מיט אַ וועלט-אונטערגאַנ-געלע ! און דאָס, ווילט איר, זאָל געבן פּראָפֿיט ? אַזוי פֿאַרלייגט מען עס אַ וועלט ? נאָך אַזאַ וואָל-סטריט-קראַך ! נאָך אַזאַ מפּלה ! מ'זאָל דאָס גאָרנישט ווען לערנען פֿון דער דערפֿאַרונג ! און טאָמער איז שוין יאָ פֿאַראַן אַ דזשייקאָבסאָן, אַ גוטער געשעפֿטסמאַן, וויל מען זײַנע באַדינגונגען נישט אָננעמען ! נעמט מען און מען מאַכט כאַפּ-לאַפּ דאָס אייגענע וואָס פֿריִער ! און דערצו – אין אַן ערגערן, פֿיל ערגערן און ביליקערן סטײַל ! און מ'וויל, איך, דזשייקאָבסאָן, אַ מענטש אַן איבערגע-לייגטער, זאָל געבן מײַן גוטן נאָמען אויף אַזאַ אומזין ! אויף אַזאַ הויכשטאַפּלערײַ !

**סנסיני.** מיך האָט מען געשיקט און געהייסן זאָגן אַזוי צו זאָגן : *מיט תּחינה-ניגון* אָדם, אָדם ! מאַך דיר אַ נײַ האַרץ, גורט אָן דײַנע לענדן מיט פֿרייד און טו אָנפֿילן דײַנע אויגן מיט ליכט ! דען דו ביסט דער פֿאָטער פֿון גאָר דער ערד, דיך האָב איך געקרוינט פֿאַר מײַן ליבסטן זון, אין דײַנע הענט האָב איך –

**דזשייקאָבסאָן.** *האַקט אים איבער* וואָס טויג מיר פּאָעזיע, ווען דאָס געשעפֿט איז אין דר'ערד ? *פּויזע* מיסטער סנסיני, איך וויל אײַך עפּעס פֿרעגן.

**סנסיני.** וואָס באַגערסטו צו וויסן, אָדם ?

**דזשייקאָבסאָן.** איך באַגער צו וויסן... יעס... איך באַגער צו וויסן, ווער אייגנטלעך איז דער

אונטערנע-מער... די גאַנצע צײַט פֿרעג איך מיך דזשייקאָבסאָן, איז עס נישט אַ מאָל אַ גרינהאָרן ?... זאָל עס זײַן גאָט אַליין – גלייב איך נישט, ערשטנס, אַזאַ פֿירמע זאָל נאָך אַזאַ קראַך אײַנגיין אויף אַזעלכע ביזנעס. צווייטנס –

**סמסיני.** וואָס שטעקסטו דײַן מענטשנקאָפּ אין אַזעלכע הויכע וואָלקנס ?

**דזשייקאָבסאָן.** *רעדט ווײַטער* צווייטנס, – איך רעד, דאַכט זיך, גאַנץ לאָגיש, – זאָל דער אונטערנעמער אויך דאָס מאָל זײַן דער זעלבער, ס'הייסט גאָט, וואָלט מען באַדאַרפֿט זיך בעטן בײַ עפּעס אַ ייִדל דזשייקאָבסאָן, ער זאָל באַוויליקן צו ווערן אַן אָדם ! ? נעוועך מײַנד ! גאָט, אַז ער וויל – קאָן ער. ער וואָלט עס, כ'לעבן, געמאַכט בעסער ווי מײַן טאַטע-מאַמע.

**סנסיני.** איך קאָן נישט ענטפֿערן און וויל נישט, איך קאָן דיר נאָר ווידער אַ מאָל זאָגן : *תּחינה-ניגון* אָדם, אָדם ! מאַך דיר אַ נײַ האַרץ, גורט אָן דײַנע לענדן מיט פֿרייד און טו אָנפֿילן דײַנע אויגן מיט ליכט ! דען דו ביסט דער פֿאָטער פֿון גאָר דער ערד, דיך האָב איך געקרוינט פֿאַר מײַן ליבסטן זון, אין דײַנע הענט האָב איך –

**דזשייקאָבסאָן.** *אַן אויפֿגעקאָכטער* איר הערט אויף, צי ניין ? *סנסיני ווערט אַנטשוויגן. קורצע פּויזע* ווי איר ווייסט, בין איך אַ ייִד. איז איידער איך האָב גענומען מאַכן מײַן קאַריערע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט שאַפּאַרבעט און האָט זיך געענדיקט מיט מיליאָנערײַ און דערנאָך, ליידער, מיט אָדם-הראשונערײַ, בין איך אין דער אַלטער היים, אין קאָלאָמיי, געווען – אַלס ייִנגל נאָך – אַן אָפּטער אײַנגייער אין דער שנײַדערשער קלויז. מײַן טאַטע איז דאָרט געווען שמש. געווען בין איך דאָס, וואָס ייִדן רופֿן  אַ ווילדער עם-האָרץ, נאָר פֿון צײַט צו צײַט פֿלעג איך אונטערשטעלן אַן אויער און אונטערהערן אַ שיעור. געדענקט זיך מיר, מיסטער, ביז איצט, וואָס דער קלויז-מלמד האָט געזאָגט, אַז יענעם אָדמען האָט גאָט געוויזן פֿאָרויס די פּראָמינענטסטע לײַט פֿון אַלע דורות נאָך אים. פֿאָדער איך פֿון אײַך, מיסטער, איר זאָלט זאָגן אײַער שעף, אַז איך מוז דורכמאַכן דאָס נעמלעכע. איך מוז אָנקוקן די סחורה – איר הערט ?

**סנסיני.** די קומענדיקע דורות ? זיי זענען נאָך נישט געשאַפֿן, אָדם. אָבער מוסטערן זענען שוין דאָ.

**דזשייקאָבסאָן.** אָט דאָס מײַן איך טאַקע. איך וויל זען די מוסטערן !

**סנסיני.** פֿלי איך ! *תּחינה-ניגון* און זאָל דערפֿילט ווערן דײַן באַגער, און זאָל די רו אַרײַן אין דײַן האַרץ, און זאָל דער פֿינצטערער וואָלקן אַראָפּ פֿון דײַן שטערן. *אָפּ.*

**דזשייקאָבסאָן.** *פֿאַרמוחט* ווערליק זיי – זענען עס יאָ ביזנעס. ווערליק מיר – נישט. וועל, די סחורה אויפֿן טיש. איבערצײַגט מיך !

**נחש.** *קומט צוריק* געפֿעלט אײַך דאָ בײַ אונדז, מסיע אָדם ?

**דזשייקאָבסאָן.** נישט באַזונדערס.

**נחש.** איר פֿרעגט גאָרנישט, ווו אײַער פֿרוי איז ?

**דזשייקאָבסאָן.** הם... יאָ, ווו איז זי טאַקע ?

**נחש.** זי שלאָפֿט.

**דזשייקאָבסאָן.** אַליין ?

**נחש.** יאָ.

**דזשייקאָבסאָן.** אוממעגלעך. *פּויזע* איר האָט זי פֿאַרשלעפּערט ?

**נחש.** מ'קאָן זאָגן, אַז יאָ. ס'איז אַזוי געווען. אײַער פֿרוי, חווה, האָט מיך פֿאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר. דאָס איז אָבער – קאָמפּרענע-ווּ – געווען נישט מער ווי אַן אויסרעד פֿון איר זײַט. שטעלט אײַך פֿאָר, מסיע אָדם, אַז אײַער פֿרוי האָט מיך געוואָלט פֿאַרפֿירן !

**דזשייקאָבסאָן.** און איר האָט זיך געלאָזט ?

**נחש.** וואָס הייסט, איך וועל זיך לאָזן ? דאַכט זיך, אויב פֿאַרפֿירן – דאַרף איך פֿאַרפֿירן.

**דזשייקאָבסאָן.** מיר דאַכט זיך אויך אַזוי. נו, האָט איר זי פֿאַרפֿירט ?

**נחש.** מסיע אָדם, אײַך וועל איך זאָגן דעם גאַנצן אמת. מילא זי – זי איז דאָך אַ פֿרוי. אָבער איר – ס'איל ווּ פּליע –

**דזשייקאָבסאָן.** אויב איר וועט רעדן צו דער זאַך – בין איך גרייט אויסצוהערן.

**נחש.** איר זענט, זע איך, א פֿאַרנינפֿטיקער מענטש. איך וועל אײַך פֿאַרטרויען אַ שטיקל סוד. איך בין אויך נישט איבעריק צופֿרידן פֿון מײַן פֿונקציע אין דעם דאָזיקן פּאַרק.

**דזשייקאָבסאָן.** איר אויך נישט ?

**נחש.** ליידער. וואָרן – קאָמפּרענע-ווּ – מײַן אַרבעט איז דאָס מאָל באמת אַ שווערע. איר זענט אַ מענטש מיט פֿאַרשטאַנד – טאָ גייט אַרײַן, ס'איל ווּ פּליע, אין מײַן לאַגע. אײַער פֿרוי – צווישן אונדז גערעדט – איז, ווי איטלעכע פֿרוי, נישט איבעריק קלוג. דאָס מאַכט נישט אויס. זי איז אָבער אויך נישט איבעריק צניעותדיק –

**דזשייקאָבסאָן.** דאָס ווייס איך אַ ביסל פֿריִער פֿאַר אײַך.

**נחש.** איך פֿאַרשטיי, אַז איר ווייסט. נו, און אַז אַ פֿרוי איז נישט איבעריק צניעותדיק – איז זייער שווער זי צו פֿאַרפֿירן.

**דזשייקאָבסאָן.** ס'וואָלט, דאַכט זיך, געדאַרפֿט זײַן פֿאַרקערט.

**נחש.** איר פֿאַרשטייט נישט, מסיע אָדם. אַזאַ פֿרוי וויל גאָר מיך פֿאַרפֿירן און דאָ פֿאָדערט פֿון מיר מײַן געוויסנהאַפֿטיקייט אַלס נחש, אַז איך זאָל זי פֿאַרפֿירן – קאָמפּרענע-ווּ ? מוז איך מיך באַמיִען מיט אַלע כּוחות, זי זאָל מיך נישט אויסכאַפּן – קאָמפּרענע ?

**דזשייקאָבסאָן.** אָ, יעס, אויב אַזוי – איז דאָס באמת אַ שווערער דזשאַב.

**נחש.** *זיפֿצט* וואָס דען האָט איר געמיינט ? אַ גליק, וואָס איך האָב זי באַצײַטנס פֿאַרשלעפּערט. ווען נישט – בין איך אַ פֿאַרפֿאַלענער !

**דזשייקאָבסאָן.** ווי איך זע, מיסטער נחש, קומט אײַך אויך נישט אָן אַזוי לײַכט דאָס שטיקל ברויט.
איטלע-כעך האָט זײַן טראַבל, אַפֿילו אַ שלאַנג אין גן-עדן. מ'טאָר אָבער די האָפֿענונג נישט פֿאַרלירן –

**נחש.** איך מיין, אַז זי וועט זיך אויסשלאָפֿן אַ ביסל און די לײַדנשאַפֿט וועט איר פֿאַרבײַגיין אַ ביסל – וועל איך מיך ווידער קאָנען נעמען צו דער אַרבעט.

דזשײַקאָבסאָן. אָלרייט, אָט אַזוי רעדט ! מוט פֿאַרלוירן – אַלץ פֿאַרלוירן.

**נחש.** אַ דאַנק אײַך, איידעלער פֿרײַנד, פֿאַר די קלוגע רייד פֿון דערמונטערונג. איך וועל מיך באַמיִען דורכ-צופֿירן מײַן שווערע אויפֿגאַבע אַזוי ווי די העכערע מאַכט פֿאָדערט. *אָפּ מיט אַ זיפֿץ.*

**דזשייקאָבסאָן.** אַ גאַנץ קלוגער באַי, נאָר וואָס קומט אַרויס ? אַפֿילו אים האָט מען באַעוולט. קאָמעדיאַנטן !

**סנסיני.** *ווײַזט זיך אין דער לופֿט, בלײַבט הענגען אויף אַ בוים, רוישט שטאַרק מיט די פֿליגל, זינגט אַרויס* אָדם, אָדם !

**דזשייקאָבסאָן.** *בייז* וואָס מאַכט איר דעם אָנשטעל, מיסטער סנסיני ? איר קאָנט נישט רעדן ווי אַ מענטש ?

**סנסיני.** *זינגעוודיק* זײַ באַרייט ! זײַ באַרייט !

**דזשייקאָבסאָן.** אָן הקדמות ! אַרויס מיט דער סחורה !

**סנסיני.** *ווי פֿריִער* אָדם, אָדם ! טו דיך אויסשפּרייטן אויף דער ערד, לייג צו קאָפּנס אַ שטיין און מאַך צו די אויגן !

**דזשייקאָבסאָן.** מיט צוגעמאַכטע אויגן וועל איך דאָך גאָרנישט זען.

**סנסיני.** וועסט ! דיר ווערט באַפֿוילן – טו !

**דזשייקאָבסאָן.** *נעמט אַ שטיין, מאַכט צו די אויגן און לייגט זיך אויף דער ערד.*

**סנסיני.** דעם שטיין צו קאָפּנס ! *דזשייקאָבסאָן טוט עס* און איצט – שלאָף אײַן !

**דזשייקאָבסאָן.** אויף א האַרטן שטיין ?

**סנסיני.** מוזסט !

**דזשייקאָבסאָן.** וועל, דזשייקאָבסאָנען נאַרט מען אין שלאָף אויך נישט. שלאָפֿן – זאָל זײַן שלאָפֿן. אויף אַ שטיין – זאָל זײַן אויף אַ שטיין. אַבי סחורה אַהער ! *שלאָפֿט אײַן. ס'ווערט פֿינצטער. אויף אַ זילבער-עקראַן ווײַזן זיך מאַריאָנעטקעס. די שאָטן-געשטאַלטן קומען אָן, רעדן שנעל אָפּ דאָס זייעריקע און מאַרשירן פֿאַרבײַ.*

**ערשטע מאַריאָנעטקע.** איך בין קין. מ'דאַרף אַ הרגע טון דעם ברודער הבֿל און זיך לייגן שלאָפֿן. *גענעצט* וואָס האָב איך צו הבֿלען ? גאָרנישט. נאָר בין איך קין – מוז איך ממילא טייטן דעם ברודער הבֿל. אַזוי איז דאָס. מײַן לעבן און מײַן גורל זענען אַ פּלאַגיאַט. *אָפּ.*

**צוויטע מאַריאָנעטקע.** איך בין נח. איך בין אַ צדיק אין מײַנע טעג. מ'דאַרף נעמען אַ תּיבֿה, שווימען איבערן וואַסער, אַרויסשיקן אַ טויב, ווערן גערעַטעוועט, פֿלאַנצן אַ ווײַנגאָרטן און טרינקען ווײַן. אַ שיכּורער צדיק בין איך. איך בין נישט שולדיק אין מײַן צידקות, ווי קין איז נישט שולדיק אין זײַן רישעות. ביידע זענען מיר נאָכמאַכונגען. *אָפּ.*

**דריטע מאַריאָנעטקע.** פֿון נחן ביז מיר איז אַ היפּשער מהלך, נאָר וואָס קאָן איך טון ? דער מחבר וויל, אַז איך, שלמה המלך, זאָל קומען גלײַך נאָך נחן. איך מיין, אַז דער מחבר טוט דאָס דערפֿאַר, ווײַל ער קאָן דאָך די גאַנצע ביבל נישט איבערחזרן. דאָס וואָלט געווען לאַנגווײַליק און וואָלט פֿאַרנומען צו פֿיל צײַט. הײַנטיקע מחברים האָבן קיין צײַט נישט. הקיצור – איך בין שלמה, דער מלך פֿון ירושלים. דאַרף מען אויפֿבויען אַ בית-המיקדש, וואָס זאָל דערנאָך צעשטערט ווערן ; מ'דאַרף זיך באַקענען מיט דער שיינער מלכּה-שבֿא, זײַן קלוג, אַרויסגעבן דעם באַרימטן מישפּט, אַראָפּגעזעצט ווערן פֿון טראָן דורך דעם מלך פֿון די שדים, אַשמדאַי, און אומזיסט שרײַען אויף די גאַסן פֿון דער אייגענער מלוכה אַני שלמה ! עד, טי,

שלמה המלך דו מײַן ! *אָפּ.*

**פֿערטע מאַריאָנעטקע.** כּדי צו פֿאַרענדיקן מיט דער ביבל האָט דער טאַלאַנטלאָזער מחבר רײן װילקירלעך אַרויסגעכאַפּט מיך, נבֿוכדנאצרן, און אָט מוז איך, צי איך װיל, צי איך װיל נישט, זײַן אַ מלך אין בבֿל, פּראַװען הוליאַנקעס, זויפֿן, נואָפֿן, זיך האַלטן פֿאַר אַ גאָט און פֿאַרװאַנדלט װערן אין אַ פּשוטער חיה. הקיצור, איך האָב קײן צײַט נישט, איך בין נבֿוכדנאצר און איך מוז לויפֿן אויף אַלע פֿיר אין װאַלד אַרײַן. *אָפּ.*

**פֿינפֿטע מאַריאָנעטקע.** און איך בין שוין נישט קײן ביבל-געשטאַלט, נאָר אַ געשטאַלט פֿון אַלטן גריכנ-לאַנד. איך בין אַ פּלאַגיאַט פֿון דעם בלינדן האָמעראָס. אַלס אַזעלכער מוז איך פֿאַרפֿאַסן אַן אָדיסײ מיט אַן איליאַדע. *סקאַנדירט* זינג, אָ מוזע, דעם צאָרן פֿון אַכילעס, זון פֿון פּעלעוס ! װאָס גײט מיך אָן אַכילעס ? גאָרנישט, פֿאַרשטײט זיך. איך בין אָבער אַ נאָכמאַכונג און איך מוז דערפֿילן מײַן שליחות. *אָפּ.*

**זעקסטע מאַריאָנעטקע.** דאַכט זיך מיר, אַז איך בין סאָקראַטעס. נו, מוז איך, פֿאַרשטײט זיך, אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פֿון אַטען, פּשטלען זיך מיט סאָפֿיסטן, פֿאַרטשעפּען יונגעלײַט, זיך קריגן מיט קסאַנטיפּען, װעלכע װאַרפֿט מיר פֿאָר, אַז איך בין אַן אידיאָט און אַ האָמאָסעקסואַליסט, און דערנאָך אויסטרינקען די באַרימטע פּאָרציע ציקוטע נאָך דעם באַרימטן פּראָצעס. פֿאַרפֿאַלן. די געשיכטע חזרט זיך איבער און מ׳קאָן קעגן איר קײן חכם נישט זײַן, פּונקט װי אײַער פֿרײַנד סאָקראַטעס קאָן נישט זײַן קײן חכם קעגן קסאַנטיפּען. *אָפּ.*

**זיבעטע מאַריאָנעטקע.** איך בין יוליוס צעזאַר. מוז איך, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַריבערגײן דעם רובי-קאָן, פֿירן די פֿאָרויסבאַשטימטע צאָל שלאַכטן, און מײַן סוף דאַרף זײַן, אַז דער בעסטער פֿרײַנד מײַנער, ברוטוס, זאָל מיך הרגענען. פֿאַרן טויט מוז איך מאַכן אַ פֿאַרװוּנדערטע מינע, אויסרופֿן דאָס באַרימטע „דו אויך, ברוטוס ?“ און שטאַרבן מיטן באַװוּסטזײַן, אַז אין דורות אַרום מוז אַ געװוי-סער שעקספּיר אָנשרײַבן װעגן מיר די געהעריקע דראַמע, װאָרן, װי האָט ערשט געזאָגט פֿרײַנד סאָקראַטעס די געשיכטע חזרט זיך איבער. *אָפּ.*

**אַכטע מאַריאָנעטקע.** מײַן מחבר אײַלט זיך געװאַלדיק, װאָרן פֿאַר אײן זאַך האָט ער שטאַרק מורא פֿאַר דעם געגנעץ פֿון די טעאַטער-באַזוכער. מאַכט ער אַ ריזנשפּרונג און גלײַך נאָך צעזאַרן שטעלט ער אַװעק פֿאַר דזשײקאָבסאָנס אויגן מיך, דעם קלײנעם קאַפּראַל, דעם קאָרסיקאַנער, װי רופֿט מען מיך דאָרט – נאַפּאָלעאָנען. איך, װי רופֿט מען מיך דאָרט – נאַפּאָלעאָן, מוז פֿון אַ קלײן קאָרסיקאַניש שײגעצל װערן אַ װעלטזשעני און נאָך דער פֿראַנצויזישער רעװאָלוציע – װעלכע דער מחבר האָט, אגבֿ, אין גאַנצן פֿאַרפֿושט, כאָטש ער האָט געהאַט אַ פֿײַנע געלעגנהײט ארויסצופֿירן אויף דער סצענע די באַרימטע טראַגישע מאַריאָנעטקע ראָבעספּיער, – נאָך דער אויבן דערמאָנטער רעװאָלו-ציע דאַרף איך װערן דער גאָט פֿון קריג, מאַכן ציטערן אַלע קרוינען און טראָגנען פֿון די געזאַלבטע, אײַננעמען לענדער, װערן פֿאַרראַטן פֿון זשאָזעפֿינען, גײן אויף מאָסקװע, כאַפּן די מפּלה בײַ װאַטערלאָ, אומקערן זיך קײן פּאַריז, װידער כאַפּן אַ מפּלה און פֿאַרשיקט װערן אויף אַ קלײנער נאַרישער אינדזל, כּדי דאָרט צו שטאַרבן מיטן געהעריקן טראַגיזם. װאָרן קײן אַנדער ברירה האָב איך נישט איך בין, װי מען רופֿט מיך דאָרט, נאַפּאָלעאָן. *אָפּ.*

**נײַנטע מאַריאָנעטקע.** אַנטשולדיקט. איך בין װילהעלם דער צװײטער. איך װעל דרײען די װאָנצעס און האַלטן רעדעס, דערנאָך װעט זיך מאַכן אַ װעלט-מלחמה, מ׳װעט אויסקוילענען אַ צען מיליאָן שטיק-לעך מענטשן, און דערנאָך, אַז זײ װעלן שוין אַלע זײַן אויסגעקוילעט, װעל איך זיצן אין האָלאַנד, האַקן האָלץ

און שרײַבן מעמואַרן. *אָפּ.*

**צענטע מאַריאָנעטקע.** טאַק וואָט. ווי באַלד אַזוי בין איך לענין. נו, רעביאַטאַ, טוט אַ מאַך די סאָציאַלע רעוואָלוציע, אָבער איינס-צוויי ! ווי לאַנג לעבט אַ מענטש ? וואַרטן ביז דער קאַפּיטאַל וועט קאָנ-צענטרירט ווערן – איז נישטאָ קיין צײַט. אַהין אָדער אַהער. *אָפּ.*

**עלפֿטע מאַריאָנעטקע.** און מיר, סעניאָרן און סעניאָרינעס, וועלן אָנטאָן שוואַרצע העמדלעך און ווערן פֿאַשיסטן. אַהאַ, כ'האָב מיך פֿאַרגעסן פֿאָרצושטעלן. איך בין, ווי איר שטויסט זיך אָן מסתּמא, בעניטאָ מוסאָליני. *אָפּ.*

**צוועלפֿטע מאַריאָנעטקע.** מײַן נאָמען איז ניוטאָן. ווי איז דאָס מעגלעך, ניוטאָן זאָל קומען נאָך מוסאָלינין ? פֿרעגט בײַם מחבר. מסתּמא האָט ער אַ מיין דערבײַ. אַלזאָ  ניוטאָן הייס איך. אין מײַן קאָפּ איז ליכטיק. מײַן געדאַנק איז דער שטאָלענער געדאַנק פֿון אַן ענגלענדער. איך גיי אַנטדעקן די אייביקע געזעצן פֿון דער נאַטור. ווען ס'וועט קומען איינער מיטן נאָמען אײַנשטיין – וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז אַלע געזעצן זענען אויסערן געזעץ. *אָפּ.*

**דרײַצנטע מאַריאָנעטקע.** *מיט אַ פֿידל אין האַנט* דאָ האָט מען אָקאָרשט דערמאָנט מײַן נאָמען. איך בין עס דער אײַנשטיין. איך האָב אַ ביסל איבערגעדרייט עוקלידעסן, ניוטאָנען און די איבעריקע. איך זע שוין דעם, וואָס וועט קומען נאָך מיר און וועט אויפֿווײַזן, ווי רעלאַטיוו עס איז מײַן טעאָריע פֿון רעלאַטי-וויטעט. איך האָב אַלץ אויסגעפֿאָרשט, ווייס איך, אַז קיינער ווייסט גאָרנישט, איז מיר אומעטיק און איך גיי שפּילן פֿידל. *אָפּ.*

**פֿערצנטע מאַריאָנעטקע.** איך בין דער בראַווער סאָלדאַט שווײַק. איך בין דאָס אייביקע האַרמאַטן-פֿלייש. אַז מען רופֿט מיך – גיי איך. עס וועט זײַן וועלטקריג, מײַן בלוט וועט פֿאַרגאָסן ווערן אומזיסט, דערנאָך וועט זײַן וועלטקריג צום צווייטן מאָל, דאָס וועלטקריג מיט די גאַזן, און מײַן בלוט וועט ווידער פֿאַרגאָסן ווערן, און ווידער אומזיסט, און דערנאָך וועט, נאַטירלעך, פֿאָרקומען דער פֿאָרויס-באַשטימטער וועלט-אונטערגאַנג. אפֿשר האָט איר אַ פּאַפּיראָס ? *אָפּ.*

**פֿופֿצנטע און לעצטע מאַריאָנעטקע.** און איך, פּאַסקודנער פֿאַרפֿאַסער, נעם דאָס אַלץ און מאַך דערפֿון – אַ בראָך צו מיר – אַ טעאַטער-שטיק. דורך אָט דעם שטיק האָף איך צו ווערן באַרימט, און אויב נישט באַרימט איז, לכל-הפּחות, באַרימטלעך. אויב נישט די גאַנצע הונדערט פּראָצענט אומשטערב-לעכקייט – טאָ זאָל זײַן פֿופֿציק. אַפֿילו דרײַסיק פּראָצענט וואָלט אויך נישט אויסגעמאַכט. אַ ביסל מער אומשטערבלעכקייט, אַ ביסל ווינציקער – אַבי צום לעבן. Dixi. *אָפּ.*

**דזשייקאָבסאָן.** *כאַפּט זיך אויף מיט אַ געשריי* געוואַלד !

**סנסיני.** וואָס שרײַסטו, אָדם ?

**דזשייקאָבסאָן.** אַזוי וועט דאָס אויסזען ?

**סנסיני.** אַן ערך.

**דזשייקאָבסאָן.** *שרײַט* קרימינעלע אַפֿערע ! וועקסל-פֿעלשערײַ ! הונדערט פּראָצענט שווינדל ! *לויפֿט אַרום צעטומלט, שטעלט זיך אָפּ אָ מינוט, לויפֿט ווידער* וואָס-וואָס – קיין שווינדלער איז דזשייקאָבסאָן נישט געווען ! דאָס וואָלטן באַשטעטיקט אַלע, וואָס האָבן אים געקענט אַלס ערשטראַנגיקן גרויס-אינדוס-טריעלער. *פּויזע* אַלס באַרימטער געשעפֿטסמאַן מוז איך, כּדי נישט צו באַפֿלעקן מײַן פּראָמינענטע פֿירמע, ווירדיק און

באַצייטנס זיך אַרויסרוקן פֿון אָט דעם גאַנצן וועלט-באַשאַפֿונג-סקאַנדאַל ! ניין, מײַנע הערשאַפֿטן ! ניין, מיס חווה, מיסטער נחש, מיסטער סנסיני ! איך וואַרף אַראָפּ פֿון זיך יעדע געשעפֿטלעכע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אַזעלכע שענדלעכע אונטערנעמונ-גען ! *צו סנסינין* שוין, מיסטער, זאָלט איר זיך אָפּטראָגן פֿון דאַנען !

**סנסיני.** *צעמישט* אָדם, אָדם ! טו שטילן דײַן צאָרן און לײַטערן דײַן האַרץ, דען, ווי געזאָגט, דו אָדם, ביסט געווילט צו זײַן דער פֿאָטער פֿון דורות, דער האַר פֿון גאָר דער ערד, און אין דײַן האַנט האָט – אין דײַן האַנט איז –

**דזשייקאָבסאָן.** *וואַרפֿט זיך אויף אים* ווידער דאָס אייגענע ! איר פֿליט אַוועק, צי נישט ?

**סנסיני.** ביסט אויפֿגעקאָכט, זע איך. וועל איך שפּעטער קומען. באַרויִק דײַנע געבליטן, אָדם, און קלער נישט צו פֿיל. מ׳קען דעם קאָפּ לײַכט פֿאַרלירן, ווען מ׳צוימט נישט די געהירן. *אָפּ.*

**דזשייקאָבסאָן.** *אַליין* אַן אַנדערן זוכט איך ! זוכט איך אַן אַנדערן ! דזשייקאָבסאָן וועט זײַן פֿירמע נישט צו שאַנד מאַכן צוליב אַ באַנדע וועקסל-פֿעלשער. נעוועור מײַנד ! נעוועור מײַנד ! נעוועור מײַנד ! *שטיל* לוסי ! איך האָב דיך פֿאָרט ליב געהאַט. ביסט פֿאָרט געווען – און ווען נאָר טיילוויַיז – מײַן ווײַב. גוד-בײַ, לוסי, גוד-בײַ.

און דו, גאָט, מײַן הויכאַכטונג ! מײַן הויכאַכטונג, גאָט ! איך האָב שטענדיק פֿון דיר געהאַלטן. איצט בין איך רויִק ניין, נישט דו ביסט דער אונטערנעמער ! אויסגעשלאָסן. האָסט זיך באַהאַלטן ערגעץ. אַזאַ וועלט, אַ וועלט אַ נאָכמאַכונג, אַ וועלט, וואָס חזרט זיך איבער, אַ וועלט פֿון בלוט, ווידער בלוט, אַ וועלט פֿון קריג, ווידער קריג, אַ וועלט פֿון אונטערגאַנג, ווידער אונטערגאַנג, אַ וועלט אָן תּכלית, אַ וועלט ווי אַ פֿאַלש וועקסל, אַ וועלט ווי אַ גנבֿה, אַ וועלט ווי אַן אויפֿגעבראָכענע קאַסע, – נעוועור מײַנד, נישט דײַן אונטערנעמונג איז עס, גאָט ! מ׳וועט מיך נישט אײַנרעדן. דו וועסט אַזוינס נישט טון. ווו ביסטו ? איך וויל דאָ אָן דיר נישט זײַן. איך האָב מורא צו זײַן דאָ אַ מינוט לענגער. איך האָב מורא. איך גיי צו דיר. ווו ביסטו, גאָט ? מיר איז פֿינצטער.

*לויפֿט צו צום בוים פֿון לעבן, בייגט אָן אַ צווײַג, אַ מינוט – און ער בלײַבט הענגען מיט אַן אויסגעשטעקטער צונג. עס קומען אָן לוסי און דער נחש. לוסי – ברוגז, דער נחש נאָך איר.*

**נחש.** *אונטערטאַנצנדיק* ווען איך בין געווען אין פּאַריז...

**לוסי.** הערט מיר אויף צו דרייען אַ קאָפּ מיט פּאַריז !

**נחש.** וואָס עפּעס אַזוי שטרענג, מאַדאַם ?

**לוסי.** איר האָט נאָך די חוצפּה צו פֿרעגן !

**נחש.** פֿאַר וואָס אַזוי נערוועז, מאַדאַם חווה ?

**לוסי.** איך בעט אײַך, לאָזט מיך צורו !

**נחש.** ס׳איל ווו פּליע ! איז מיר דערלויבט צו וויסן, וואָס עס ברענגט אײַך צו מאַכן אַזאַ אומפֿרײַנדלעכע באַמערקונג אויף אַדרעס פֿון אײַער בעסטן פֿרײַנד און פֿאַרערער ?

**לוסי.** איר זענט נישט מײַן פֿרײַנד ! קיינער פון מײַנע פֿרײַנד האָט מיך נישט אַזוי פֿאַרפֿירט ווי איר ! מײַנע פֿרײַנד האָבן שטענדיק געהאַלטן וואָרט ! איר רייצט, רייצט און אַז עס קומט צו וואָס – *קרעכצט שווער אָפּ.*

**נחש.** מאַדאַם ! פֿאַראַן אַ שפּריכוואָרט  דער שענסטער נחש קאָן נישט געבן מער ווי ער האָט.

**לוסי.** איך האָב אײַך שוין גענוג ! אַזאַ פֿאַרפֿירער ! אַזאַ אָפּנאַרער !

**נחש.** פֿאַרגעסט נישט, מאַדאַם, אַז איך בין לויט מײַן אַמט אַ נחש.

**לוסי.** שוידערלעך ! אַזאַ שײנער, אַזאַ עלעגאַנטער, אַזאַ רייצנדיקער קאַוואַליר ! און אַז עס קומט צו וואָס – וואָס ווײַזט זיך אַרויס ? אַז אַפֿילו דזשייקאָבסאָן איז מער לײַט פֿאַר אים ! וואָס מײַן מאַן זאָל נישט זײַן – קיין אימפּאָטענט איז ער נישט !

**נחש.** מאַדאַם, אויב איר געדענקט, האָב איך באַלד פֿון אָנהייב נישט באַשטעטיקט אײַער השערה וועגן מײַן מאַנסבילשקייט. איך האָב אויף אײַער באַגײַסטערונג אין דעם דאָזיקן פּרט געענטפֿערט, אַז נישט איך בין אַ מענטש, נישט איך בין אַ מאַנסביל. איר האָט נישט געגלייבט. דערלויבט מיר דעריבער אײַך אויפֿמערקזאַם צו מאַכן, אַז אײַערע פּרעטענזיעס –

**לוסי.** דזשייקאָבסאָן ! ווו ביסטו ? נעם אים צו פֿון מיר, דזשייקאָבסאָן !

**נחש.** *קוקט זיך אום* וואָס זע איך ? אײַער מאַן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד !

**לוסי.** *פֿאַלט צו צום טויטן קערפּער* דזשייקאָב ! וואָס האָסטו געטון ?

**נחש.** די לאַגע ווערט ערנסט.

**לוסי.** אויף וועמען לאָזסטו מיך איבער ? דזשייקאָב, מערדער איינער ! וויי צו מיר ! איין פֿרוי אויף גאָר דער ערד ! איין איינציקע פֿרוי מיט איין אימפּאָטענט אויף דער גאַנצער, גאָרער, געוואַלדיקער ערד ! *וויינט.*

**נחש.** וויינט נישט, מאַדאַם, די וועלט איז נישט הפֿקר. מ׳וועט שוין זען, אײַך צו פֿאַרשאַפֿן אַ מאַנסביל.

**לוסי.** *וויינט אַלץ* דזשייקאָב, מערדער איינער, וואָס האָסטו געטון ?

**סנסיני.** *ווײַזט זיך איבער די ביימער, זינגט אַרויס* אָדם, אָדם !

**נחש.** שוין ווידער געקומען צו פֿלִיען אויף די שמאַטעוואַטע אָפּגעניצטע פֿליגל ? קאָנסט נישט פּועלן בײַ סנדלפֿונען, ער זאָל דיר קויפֿן צוליב דינסטצוועקן אַן אַעראָפּלאַנדל ?

**סנסיני.** אָדם, אָדם !

**נחש.** וואָס מאַכסטו פֿאַר אַ געוואַלדן ? איך האָב דעם כּבוד דיר אויפֿמערקזאַם צו מאַכן, אַלטפֿרענקישער הימל-בטלן, אַז דײַן אָדם איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד !

**סנסיני.** *בלײַבט הענגען צעמישט* אָ, דער האַרטנעקיקער ! דער שלעכטער, האַרטנעקיקער אָדם !

**נחש.** דעקלאַמיר נישט. ווייסט דאָך, ווי ליב איך האָב דײַנע דעקלאַמאַציעס. איך האָב אַ מיטל.

**סנסיני.** רעד !

**נחש.** מ׳וועט מוזן מאַכן אַ שטיקל ענדערונג. בעת דער פֿרִיערדיקער וועלט-באַשאַפֿונג האָט גאָט, ווי דו ווייסט, אויסגעשניטן אַ חווה פֿון אָדמס ריפּ. איצט וועט מען מאַכן דאָס זעלבע, נאָר אַ ביסל פֿאַר-קערט. מ׳וועט מוזן פֿון חווהס ריפּ אויסשנײַדן אַן אָדם.

**סנסיני.** *תּחנונימדיק* דײַנע רייד, אָ נחש, זענען וואָרהאַפֿטיק און געשײַט. איך בעט דיך, גורט אָן דײַנע לענדן און זאָל ווערן אין נאָמען פֿון מײַן האַר געבענטשט דאָס ווערק פֿון דײַנע הענט –  – דען וואָרהאַפֿ-טיק, מיר

דאַרפֿן אַן אָדם, נאָר נישט אַזאַ האַרטנעקיקן און שאַלקהאַפֿטיקן ווי דער – *טײַטלט אויף דזשייקאָבסאָנען.*

**לוסי.** *יאָמערט* איין פֿרוי און איין אימפּאָטענט ! איין פֿרוי און איין אימפּאָטענט !

**נחש.** ווי איך בין אַ נחש – עס דאַרף, עס מוז, עס וועט זײַן אַ מענטשנוועלט ! עס ליגט אין מײַנע פּראָפֿע-סיאָנעלע אינטערעסן, קאָמפּרענע-ווו ? אַ קליינע אָפּעראַציע – און אַלץ איז פֿאַרראָכטן. איך, סנסיני איינער, נעם מיך אונטער די אָפּעראַציע דורכצופֿירן. איך בין, נעמלעך, אַ געניטער כירורג – *נעמט אַרויס אַ לאַנצעט, שטעלט זיך הינטער לוסיס פּלייצעס, פֿאָכט מיטן לאַנצעט ווי מיט אַ צויבערשטעקל* האָקוס-פּאָקוס ! האָקוס-פּאָקוס ! האָקוס-פּאָקוס ! *פֿאַרהיפּנאָטיזירט זי. לוסי פֿאַלט אום און בלײַבט ליגן אויף דר'ערד, פֿאַרזונקען אין שלאָף. דער נחש מאַכט פֿינצטער. ס'גן-עדן לעשט זיך אויס. אין דער פֿינצטער לײַכטן חווהס אַנטבלויזטער גוף, דעם נחשס לאַנצעט, סנסיניס פֿליגלען.*

**נחש.** אָט אַזוי, מאַדאַם, אָט אַזוי. אַז איר שלאָפֿט און רעדט נישט – געפֿעלט איר מיר. אַבי איר האָט פּרע-טענזיעס צום אָרעמען נחש. איך בין דווקא – ס'איל ווו פּליע – אַ הויפּט-אָרנטלעכע פּערזאָן. נישט אַזוי, סנסיני ? אַזוי ווי איך אַליין קאָן קיין מאַן נישט זײַן און אַזוי ווי איך בין צו געוויסנהאַפֿטיק, איך זאָל דערלאָזן, אַזאַ שטיק חווה זאָל בלײַבן, ווײ איז מיר, אומבאַמאַנסבילט – נעם איך מיר די מי און שטעל איר צו אַ לעבעדיקן מאַנסביל פֿון איר אייגענער הויך-צניעותדיקער ריפּ אַרויס. זאָל זי נישט האָבן קיין פּרעטענזיעס, זאָל זי באַמאַנסבילט ווערן ווי גרויס זי איז און זאָלן ווײַטער זיך ווידמענען אויף דער ערד מענטשעלעך, מענטשעלעך, מענטשעלעך... *צעלאַכט זיך הויך* הע, הע... מענטשעלעך, מענטשעלעך, מענטשעלעך...

**סנסיני.** אָ, נישט רעד אַזוי, נחש. עס לעסטערט דײַן צונג און שווער איז מיר אַזעלכע גיהינום-רייד צו פֿאַרנעמען. ווייסטו דען נישט, אַז איך בין אַ מלאך ?

**נחש.** פֿאַרדאָן, איך בעט איבער דײַן הימלישן כּבֿוד. אָט ביסטו, קיין עין-הרע, אַ מלאך און איך – נישט מער ווי אַ נחש, – פֿונדעסטוועגן גיב אַ קליין קלערל מיט דײַן קליין קעפּל, וועסטו זען, אַז מיר זענען שותּפֿים. אונדזערע אינטערעסן – קאָמפּרענע-ווו ? – זענען אַזוי גוט ווי די זעלבע.

**סנסיני.** *ווערט אַנטשטומט. דער נחש פּאָרעט זיך. דער נײַער אָדם, אויסגעשניטן פֿון חווה-לוסיס ריפּ, שפּרינגט אַרויס, דערלאַנגט אַ חיהשן וואָי און לאָזט זיך לויפֿן אין דער פֿינצטער – פֿון סנסינין צו נחש, פֿון נחש צו סנסינין. דער נחש צעלאַכט זיך און מאַכט ליכטיק. אָדם שטעקט אַרויס די צונג ווי אַ הונט אין תּמוז, גיט אַ וואָרף מיט די הענט ווי מיט רודערס, שטעלט זיך אויפֿן קאָפּ, דרייט זיך איבער אַ פּאָר מאָל – און בלײַבט שטיין, אַ תּמעוואַטער, אַ צופֿרידענער, בײַם נחשס זײַט.*

**סנסיני.** *דערפֿרייט* אָדם, אָדם ! וואָס ווילסטו ?

אָדם. *וואָיעט.* אַ מיאוסע זאַך, אַ מיאוסע זאַך !

**סנסיני.** *מאַכט זיך טויב* וואָס פֿאַר אַ זאַך ווילסטו ?

**נחש.** הערסט דאָך – אַ מיאוסע ! *גייט צו צו דער שלאָפֿנדיקער לוסי* מאַדאַם חווה, איר מעגט זיך שוין אויפֿכאַפּן. גיט אַ קוק, ס'איל ווו פּליע, אויף דעם מאַנסבילשן פּראַכט-עקזעמפּליאַר, וואָס אײַער בעסטער פֿרײַנד דער נחש האָט פֿון אײַערער חשובֿער ווײַבערריפּ מיט אַזוי פֿיל עספּרי אַרויסגעשניטן און אויסגעקאָמבינירט ! נו, שנעלער אַ ביסל, גערירט זיך ! *טרייסלט זי. לוסי וועקט זיך.*

**לוסי.** ווו בין איך ?

**נחש.** *נייגט זיך* נאָך אַלץ אין גן-עדן, מאַדאַם.

**לוסי.** אַ, דאָס זענט איר... איך בין אַזוי אומגעריכט איַינגעשלאָפֿן.

**נחש.** נישט איר זענט איַינגעשלאָפֿן, נאָר איך האָב איַיך איַינגעשלעפֿערט. און ווי איר זענט אַזוי געלעגן אין די אָרעמס פֿון שלאָף און געהאַט איַיערע זיסע הור-חלומות – האָב איך, אַלס געניטער כירורג, איַיך אויסגעשניטן פֿון דער ריפּ אַן אויטענטישן מאַנסביל, וועלכן איך האָב דעם כּבֿוד איַיך פֿאָרצושטעלן.

*אָדם שפּרינגט אַרויף אויף חווהן, ווי אַ בוהאַי. נחש יאָגט אים אָפּ.*

ער געפֿעלט איַיך, וואָס ? ער איז נאָך אַפֿילו רוי און נאַיִוו, אָבער ביַי איַיער זיַיט, האָף איך, וועט ער באַקומען די נייטיקע געשלעכטלעכע דערציִונג. דער אונטערשטער טייל פֿון זיַין קערפּער איז באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקלט.

*לוסי-חווה שטעלט זיך אויף, קלאַטשט, באַטראַכט אָדמען אויפֿמערקזאַם און איז אַנטציקט. אָדם נעמט זי אין זיַינע גרויסע לאַפּעס און זי לאַכט גליקלעך.*

**סנסיני.** אָדם, אָדם !

**אָדם.** אַ מיאסע זאַך ! אַ מיאסע זאַך !

**סנסיני.** עפֿן דיַינע לעפֿצן און זאָג דו – מיַין וויַיב !

**אָדם.** אַ מיאסע זאַך ! אַ מיאסע זאַך !

**סנסיני.** נישט דאָס ! זאָג דו – מיַין וויַיב !

אָדם. וויַיב – מיַין – דו –

**סנסיני.** זאָג וויַיטער איך – דיַין – מאַן –

**אָדם.** מאַן – דיַין – איך – *וואָיעט.*

**סנסיני.** און דו, חווה, זאָג דו – מיַין מאַן, איך – דיַין וויַיב.

**חווה.** דו מיַין מאַן, איך דיַין וויַיב.

**נחש.** *פֿיַיערלעך* פֿון איצט אָן זענט איר געזעצלעך פֿאַרהיַיראַט. זאָל לעבן דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק ! זאָל עס זיך פֿרוכפּערן, שרצן און מערן.

**סנסיני.** *גערירט.*
נעם אָן, אָ נחש, מיַין דאַנק
פֿאַר דעם גוטן געדאַנק,
וואָס דו האָסט געהאַט,
און פֿאַר דיַין ווילער געהויבענער טאַט !

**נחש.** דעקלאַמירסט שוין ווידער ? *קוקט אויף דעם הענגענדיקן דזשייקאָבסאָן* עך, דזשייקאָבסאָן, דזשייקאָבסאָן ! דיר איז גוט. איך אָבער מוז וויַיטער האָרעווען אויפֿן שטיקל ברויט אין אַזאַ ערזאַץ-וועלט ! צווישן אַזעלכע פּרא-אָדמס !

**חווה.** און איך, נחש ליבער, דאַנק איַיך אויך. איר ווייסט ? מיַין גאַנצער צאָרן אויף איַיך איז אַריבער.

**נחש.** *נייגט זיך* עס פֿרייט מיך דאָס צו הערן.

**חווה.** דער מאַן, וואָס איר האָט מיר צוגעשטעלט, וועט מיר גריַילעך צו ניץ קומען.

**נחש.** איך האָף ! און איך מיין, אַז נאָך דעם ווי מיר וועלן אײַך מיט אײַער געערטן מאַן אַרויסטרײַבן, ווי די פֿאָרשריפֿט פֿאָדערט, פֿון דעם דאָזיקן גן-עדן – וועלן מיר האָבן די געלעגנהייט צו באַוווּנדערן די פּראַקטישע רעזולטאַטן פֿון אײַער הײַראַט. ווען אײַך וועט געבוירן ווערן דער ערשטער זון – ער וועט הייסן קין – זאָלט איר נישט פֿאַרגעסן מיך צו רופֿן אויף דער שׂימחה. ער וועט נעמלעך זײַן אַ מערדער.

**חווה.** פֿרייט מיך זייער. איך דאַנק אײַך.

**נחש.** נישטאָ פֿאַר וואָס. *צו אָדמען* און דו, אָדם, אָדער ריכטיקער פּרא-אָדם, דין דײַן ליבער פֿרוי און לערן בײַ איר אַלץ, וואָס אַ מאַנסביל דאַרף וויסן. דײַן ווײַב איז זייער דערפֿאַרן אין די זאַכן. קאָנסט זיך אויף איר פֿאַרלאָזן.

**אָדם.** *האַלט חווהן אין די גרויסע אָרעמס, גלעט זי מיט די גרויסע הענט און שרײַט פֿריילעך, ווי אַ יונגע גאָרילע* אַ ווײַב ! אַ לײַב ! אַ מיאוסע זאַך !

**חווה.** *רײַסט זיך שטיפֿעריש ארויס פֿון אָדמען* ליבער טאַנצמײַסטער נחש, אפֿשר אַ טענצל ?

**נחש.** בראַוואָ. *חווה און נחש טאַנצן. סנסיני, א צופֿרידענער, אַקאָמפּאַנירט מיט העפֿטיקן פֿליגלגערויש.*

**אָדם.** איך אויך ! וויל אויך ! מיט פֿיס ! מיט הענט ! *נחש און חווה נעמען אים אריַין אין דער מיט. אָדם פֿרייט זיך ווי אַ קינד, וואַרפֿט מיט הענט און פֿיס, בלעקט אַרויס די צונג און וואָיעט פֿאַר הנאה. דער טאַנץ ווערט אַלץ שטורמישער.*

**נחש.** *טאַנצנדיק* אַ וועלט אָן גאָט און אָן אַ ייִד. אַ וועלט אָן גאָט און אָן אַ ייִד. אַ וועלט אָן גאָט און אָן אַ ייִד.

*עס ווײַזט זיך אָ קאַפּעליע בלוט-יונגע אונטער-כּרובים – נײַסטער סטיל – מיט דזשעז-אינסטרומענטן. דער אָרקעסטער זעצט זיך אויס און הייבט אָן אַקאָמפּאַנירן דעם טאַנץ.*

**נחש.** *טאַנצנדיק, מיטן ניגון פֿון טראָפּ.*
און אָדם האָט געבוירן קינען,
און קין האָט געהרגעט הבֿלען,
און דערנאָך האָט קין געבויט אַ שטאָט,
און דערנאָך האָט קין געבויט אַ שטאָט.

**אַלע.** *חזרן איבער.*
און דערנאָך האָט קין געבויט אַ שטאָט,
און דערנאָך האָט קין געבויט אַ שטאָט,

**נחש.** *קאַבאַרעט-אַרטיק.*
און דערנאָך האָט אָדם געבוירן שׂתן,
ווי מיר אַלע ווייסן.

**אַלע.** חזרן איבער.
און דערנאָך האָט אָדם געבוירן שׂתן,
ווי מיר אַלע ווייסן.

**סנדלפֿונס קול.** סנסיני ! *ס'ווערט שטיל.*

**סנסיני.** איך הער.

**סנדלפֿונס קול.** וואָס איז געשען ?

**סנסיני.** דער נחש האָט אַ מענטש באַשאַפֿן.

**סנדלפֿונס קול.** דער נחש ?

**סנסיני.** יאָ, אַ גאַנץ ווילן מענטש באַשאַפֿן.

**סנדלפֿונס קול.** *נאָך אַ קורצער פּויזע* און דער פֿריערדיקער ווו איז ?

**סנסיני.** *פֿלעגמאַטיש* נישטאָ. זיך אויפֿגעהאָנגען.

**נחש.** *טרעט אַפֿער, טײַטלט אויף חווהן, אויף אָדמען, אויף דעם בוים, וווּ דזשייקאָבסאָן הענגט.*

אויפֿן בוים פֿון לעבן הענגסטו אַ טויטער,
אָדם דו מײַן !
אויפֿן בוים פֿון לעבן זיך גענומען ס'לעבן –
כ'לעבן, ס'איז פֿײַן.
אָבער דו האָסט שוין, האָסט שוין אַ צווייטן,
חווה דו מײַן !
וועט זײַן אַ דריטער, וועלן זײַן מיליאָנען –
ס'וועט זײַן, ס'וועט שוין זײַן !

*גיט אַ סיגנאַל, אָרקעסטער דונערט אויף. חווה און אָדם האַלדזן זיך. פֿאַרטויבנדיקע דזשאַז־מוזיק. פֿאָרהאַנג.*

1930